פערלאג די „יודישע ביהנע״.

חאשע

# די יְתוֹמָה

א דראמא אין 4 אקטען

פון

יעקב גארדין

ווארשא

# פֶּערְזָאנֶען

| | |
|---|---|
| יואל טראכטענבערג | (יולי דאווידאָוויטש) , אַ רייכער קויפמאַן , טראָגט באַקענבאָרדען (ער טראָגט אויף אַ רויטע לענטע אַ גאָלדענע מעדאַל) 50 יאָהר . |
| פריידע | זיין פרוי , זעהר קורצזיכטיג . |
| וולאדימיר | (וועלוויל) , זיין זוהן , 25 יאָהר . |
| קאראלינע | זייער טאָכטער , 20 יאָהר . |
| מארק קארנוויץ | וויליגער פריסיאַזשנע פאָווערענע , טראָגט אַ בולאַקשערקע 30 יאָהר , |
| מאטיע שטרייכעל | פריידעס שוואָגער , 45 יאָהר , |
| חאסיע | זיין טאָכטער , 15 יאָהר אלט . |

אַ קאַמערמעדכען ביי טראַכטענבערג , יונגע לייט און מאַמזעלען .

עס קומט פאר אין יעקאַטערינאסלאַוו .

# ערשטער אקט.

(א זאאל ביי טראכטענבערג׳ען. רייכע מעבעל, א פיאנא, איין מעדכען שטעלט טישלאך צו שפיעלען אין קארטען, טראכטענבערג קומט לאנגזאם, רויכערט א סיגאר, געהט אין זיין קאבינעט, בעטראכטענדיג דאס דיענסט־מעדכען, קומט באלד צוריק מיט עטליכע פעשלאך קארטען).

**טראכטענ׳ג:** פאשא! דאכט זיך פאשא איז דיין נאמען? ביי אונז איז אללע דינסטאג און פרייטאג נייע דיענסטמעדכען און איך האב אפילו קיין צייט ניט צו זיי צוגעוואהנען זיך (קוקט זיך ארום) ביזט א היבשעס מעדכען... מיין פרינציפ איז, זיין מיט דיענערשאפט זעהר ליבעראל... (נעהמט איהר האנד) הם! ביזט א שעמענדיגע. דאס איז גוט. (ביידע שווייגען. קאראלינע עפענט שטיל די טהיר).

**קאראלינע:** (שטיל) אה! דער פאפא איז דא — מען דארף אונמיסטען אריינשיקען די מאמאשא. (מאכט צו די טהיר).

**טראכטענ׳ג:** ליבעראל זיין מיט א דיענער זאגאר, דאס איז מיין פרינציפ. וולאדימיר קומט פון דרויסען שעהן געקלייידעט. ער הערט די לעצטע ווערטער).

**וולאדימיר:** יא, פאשא, דער פאפא איז זעהר א ליבעראלער מענש (ער הערט שטימען.) אה, מיר האבען געסט!...

**טראכטענ׳ג:** (בייז) געסט, א! מוסיו וולאדימיר טראכטענבערג, וואו געהסט דו אום גאנצע טעג און גאנצע נעכט? א קאמערטשעסקי מענש זאל ניט האבען קיין בעשעפטיגונג.

וולאדימיר: פאפא. זאג בעסער, ביזט דו געוועזען אין גאראדסקאי גארטען? דארט זינגט א נייע ארפיאנקע עלמירע... אה!

טראכטענ׳ב: לעבט זיך א מענש אהן א פרינציפ — נאר ניט! (אב צו זיך אין קאבינעט).

וולאדימיר: פאשא, דער אלטער וויל ווערען מיט דיר א מחותן? (נעהמט איהר האנד) ער איז זעהר א ליבעראלער מענש (פריידע עפענט שטיל די טהיר און קוקט זיך צו מיט איהרע קורצזיכטיגע אויגען).

פריידע: דו אלטער בעל עבירה, פער׳שרפה׳עט זאלסטו ווערען.

וולאדימיר: מאמא, דו מיינסט עס דעם פאפאן?

פריידע: (אריין) דו ביזט עס? מיין געראטענער תכשיט — פאשא, מארגען קריגסטו דיין פאספארט און דיין געלד און דו האסט דא מעהר קיין פלאטץ ניט... אין קיך אריין! (דאס מעדכען אב).

טראכטענ׳ב: (קומט צוריק) פריידע לעבען, באלד עסט דו זיך אב דאס הארץ. זעהר כדאי איבער א דיענסט, א נארישקייט... האסטו גענומען היינט די פיליולען? פערגעסט, נאכדעם ביזטו שוואך.

פריידע: מען קען איבער איך קיינעם אין שטוב האלטען... דער תכשיט אונזערער, וואס ליגט איהם אין זינען? ניט לערנען, ניט האנדלען... אי! אייער גליק וואס דארט זיטצען פרעמדע מענשען.

וולאדימיר: מאמא, דו ווילסט שוין ווידער מוסר זאגען? ווייסט דאך, איך אנטלויף פון מוסר, ווי א טייוועל פון ווייראך...

פריידע: איך פערשטעה ניט, דער קבצן דארט... ער האט מיר געשריבען, ער ברענגט מיר זיין מיידעל פון דארף... אזא וואלט ניט געהאט קיין שכל אויף אזעלכע זאכען...

טראכטענ׳ב: איך וויל דיר ניט ווידערשפרעכען, דו עסט זיך

באַלד אָב דאָס הארץ, אָבער מײַן פּרינציפּ פון אַ
קאָמערטשעסקי מענשען איז, ניט האָבען וואָס צו טהאָן
מיט אייגענע...

וולאדימיר: אין דאָרף זײַנען זײַ דאָך ווי די ווילדע...

פריידע: נישקשה בײַ מיר וואָלט זי זיך גיך אויסגעלערנט, פּרעסען, סערווירען צום טיש, רוימען און איך וואָלט ניט געהאַלטען קײַן פּרעמדע אין שטוב... אַז אייגענע דיענסט איז דאָך ניט קײַן פרעמדע... ווער רעדט אין אונזער שטוב, ווען מען האָט אַזאַ תכשיט... און אַזאַ הערר.

וולאדימיר: אי איך ווײַס ניט, אויב אויף דער וועלט איז דאָ נאָך אַזאַ לאַנגווײַליגע זאַך, ווי מוסר...

פריידע: דו האָסט פײַנט מוסר, איך ווײַס וואָס דו האָסט ליעב... (אַ געראַוש) שאַ! נו, זײַ גערהען אַהער... (קאַראָלינע, מארק, יונגעלײַט, מאַמזעלען).

קאַראלינע: קאָרטען, טישלאַך... מאַמזעלען, זעהט בעסער, אונזער וולאַדעמאַר... זײַ האַלטען אין. איין פרעגען אויף דיר... אַ שעהנער יונג, האַ?

פריידע: (גוטען שמײַכעל) דער טײַוועל נעהמט איהם ניט... ער איז ניט נאַר שעהן — קײַן נאַר אויך ניט... אַבּיסעל ניט סאָליד. ע! זײַ זײַנען אַללע אַזוי... וועט חתונה האָבען — ווערט ער אַ סטאַטעק..

טראַכטענבערג: אַלזאָ, יונגע לײַט, אין אַ וועלכע פּאַראַלעל וועט עס בײַ אונז הײַנט געהען: אָקע אָדער פּרעפּעראַנס?

וולאדימיר: אַ יודישע אָקע און יודישע געפילטע פיש, זײַנען די צוויי בעסטע יודישע פּאַראַלעלען, איך האָב נאָך פײַנט אַז מען זאָגט מוסר.. פע! אַ מיאוסער פּרינציפּ!...

מארק: ער איז אַ מענש, וואָס האָט ליעב פּרינציפּען אָהן מוסר. אַלזאָ — מיר מאַכען אַן אָקע. (אַלע יאַ! יאַ! אָקע! אָקע, זעצען זיך צום טיש. טראַכטענבערג מאַשט קאָרטען).

טראכטענ׳ג: שפּיעלסט אויך, פריידע? פּיהלסטו זיך ניט קאלט?... (געהט שנעלל און ברענגט א ראטאנדע. וועלכע ער ווארפט אויף איהרע שולטערן).

פריידע: יא, איך שפּיעל אויך. (זוכט) איך וואלט געוואלט וויסען, וואו איז זיין בריעף, וואס ער האט מיר געשיקט פון דארף. (א פּאפּיער פאלט ארויס פון איהר קעשענע).

וולאדימיר: מאמע, דאס זוכסט דו?

טראכטענ׳ג: וואלדאמאר, לעז אונטיסטען איבער דעם בריעף פיר אללע... חא! חא! איך האב קיין פּאראלעל צו דעם בריעף אין מיין לעבען געלעזען.

קאראלינא: מאמא, זעטץ דיך שפּיעלען... מען דארף ניט לעזען!... א גרויסע עהרע — שנארערס פון דארף... פרעמדע מענשען דארפען וויסען... קאמפּראמעטירען זיך.

אללע: פון וועמען איז דאס א בריף

פריידע: וואס איז דער בזיון? זי וועט דאך קומען, נאך וואס זאל מען דאס האלטען בסוד? איך האב געהאט אן ארעמע שוועסטער אין דארף. זי איז געשטארבען. געבליבען א יתומה, נעהם איך זי צו זיך... מע דארף ניט פאר-לאזען ארעמע פריינד.

וולאדימיר: אך, יא, מאמא, גיב, איך וועל עס דעקלאמירען, ווי א פּאעזיע...

טראכטענ׳ג: לעז, וואלדעמאר, מאמע שטרייכעלס בריעף איז איין אנטיקעל...

מארק: נו, מיר זעהען, ווי אזוי ער וועט ארויסקריכען פון דער עברה, דערוויילע, חברה שטעלט צו פּיטאקלעך, איך גיב קארטען. (אלע שפּיעלען).

וולאדימיר: (קוקט אין בריעף) אויב עס איז ניטא קיין סך לשון קודש, וועל איך זיך ארויסדראפּען, שא! מאמזעלען לאכען איהר זעהט, זיי לאכען שוין (לעזט) „להויבם השוואגער

הנגיד קאמערהערר יואל״.. ע... פאפא, ער מיינט די ביזט א קאמערהערר.

טראכטענ׳ג: (שהוט אן פענסנע) חע! חע! וואו זעהסט די קאמערהערר? עס מאכט כמהורר, א שעהנע פאראלעל: קאמערהערר און כמהורר!...

וולאדימיר: אה, כמהורר? יואל נ״י! וואס מיינט ער ני? ני־ני!

טראכטענ׳ג: „נון יוד״, דאס מאכט נרו יאור... למדן מיינער!

וולאדימיר: אה, נרו יאור? וואס איז דאס, א קאמפלימענט, הא? ווייטער „ולאשתו מרז״.

טראכטענ׳ג: ניט מרז — מרת, חא! חא!

וולאדימיר: מרת פריידע תחאיה.

טראכטענ׳ג: תחיה, גוי! (אלע לאכען).

פריידע: א מושלם אין אידיש, אין אלעם!

קאראלינא: (שטיל) מאמא, פארנעם נאר ניט, פרעכדע מענשען...

טראכטענ׳ג: (שפיעלט) אה! צוויי נייענטעלאך אויפ׳ן טיש, ניט קיין שלעכטער פרינציפ...

וולאדימיר: הערט־זשע! (לעזט) ראשית, קום איך צו מעלדען דאנקען השם יתברך פון אייך אויך אין נחת און אין פריידען אמן סלה נצח...

מארק: אמן סלה נצח! איך גיב צוויי פיטאקלאך בלא ראיה..

וולאדימיר: (לעזט) שנית קום איך צו מעלדען, אז איך און מיין זוגתי טאלצע מיט אלעמען, לאזען גריסען אייך מיט אלעמען, אויך צו גריסען הבחור החכם וועלוויל, „דער בחור החכם דאס בין איך״. (לעזט) און צו גריסען הבתולה הצנועה קעליע הנקראה קרינאלין תחיה*.

קאראלינא: די בתולה, די צנועה קרינאלין, דאס בין איך (אלע לאכען).

וולאדימיר: „בבקשה ממך, עליה השלום... זינד דיין שוועסטער עטיל איז געשטארבען...

מארק: די בקשה עליה השלום... דריי פיטאקלאך אויף דריי קארטען.

וולאדימיר: (לעזט) איז געשטארבען געהט מיר שלים שלי־מזל, ניט פאר קיין יודיין געדאכט, איך האב געמוזט חתונה האבען דו ווייסט דאך (געלעכטער) קיין עין הרע, חאסיע די עלטערע, איז שוין א מויד פיפצעהן יאהר, און יענטעלע, פערעלע און געצעלע, דאס זיינען יתומים׳לאך און א חוץ דאס, האב איך שוין פון טאלצען, צו לענגערע יאהר איהר, זעליגען און סאסיעלע, געבוירען פונקט אין שושן פורים. און וואס קען זיין דער תכלית פון חאסיע? שוין א מויד און וואס? פעקקאטשעט די פאלעס און לויפט אום דארף מיט די שיקסלאך און מיט דער שטיף מאמע אלע טאג אין דרערד אריין און פערשרפה׳עט זאלסט דו ווערען, ביז עס קומט, א חאלעריע אויף דיר! א חאלעריע אויף דיר! א חאלעריע זאל איך אלע דעווערגען... און אין שטוב פייפט דער דלות, דאך געוועז א לייבליכע שוועסטער, בכן בעט איך דיך רחמים, למען השם איך וועל זי שיקען צו דיר אדער אליין ברענגען הלואי פון איך אויך הערען גוטע בשורות, ממני מרדכי שטרייבעל. (געלעכטער).

טראכטענ׳ג: חא! חא! זיי וואקסען דארט אין דארף ווי חיות אהן א פיציל ציוויליזאציע (געלעכטער), דא אין שטאדט זאגאר דער פראסטער מענש קען זיך בילדען... דער בולוואר בילדעט, די גאזעטע בילדעט, די קאמעדיע בילדעט און נאך אנדערע פאראלעלען... וולאדימיר, זעץ דיך שפיעלען...

וולאדימיר: איך האב ניט ליעב שפיעלען מיט דער מאמא זי זאגט באלד מוסר. (זעצט זיך צו דער פיאנא און מוזיצירט)

די מאמזעלען: אָה! וולאַדימיר, זינגט עָטוואָס! זינגט עָטוואָס!...

וולאדימיר: פּאַפּאַ, איין מינוט (טרכ׳ג געהט צו איהם) באָרג מיר עָטליכע רובּעל די מאַמאַ זאָל ניט וויסען... איך האָב ניט אַ גראָשען ביי דער נשמה.

טראכטענ׳ג: אַ קאָמערטשעסקער מענש (גיט איהם געלט און זעצט זיך שפּילען):

פריידע: (קומט זיך צו די קאַרטען) וואָס איז דאָס, קאַראָלינע, אַן אונטער צו אַ קעניג?...

קאראלינא: מאַמאַ, דאָס איז דאָך זאָר דאַמע... (גנב׳עט פון איהר געלד).

פריידע: דער קאָן איז דאָה טאַקע מיינער... איך האָב דרייסיג און צלם,..

טראכטענ׳ג: פריידע לעבען, נעהם זיך נאָר ניט צום האַרצען.. דו האָסט ניט קיין דרייסיג און צלם... איינע איז דאָך גאָר פּיקאָווע דאַמע. ניט אַלעס וואָס איז שוואַרץ איז צלם... עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע שוואַרצע זאַכען.

פריידע: (קוקט זיך צו) דאָס איז ניט צלם? זעה נאָר. דאָ זיינען דאָך געלעגען דריי צוואַנציגער?... (זוכט איהר געלד).

קאראלינע: זינג, וולאַדעמאַר!... די מאַמזעלען בעטען. (וולאַדימיר זינגט: „נאַטשי בעז, לוננייא״, סאָלאָ און האָר. אַ שטאַרקער גלעקיל).

טראכטענ׳ג: אַזוי שפּעט, ווער קען דאָס זיין? טאַשט גוט די קאַרטען

וולאדימיר: פּאַשאַ עפענט... ווער איז דאָס? (לויפט אַרויס).

טראכטענ׳ג: איז דאָס ניט פון קאָמערטשעסקי קלוב נאָך מיר?

וולאדימיר: (צוריק מיט אַ פרעהליכען געשריי) געקומען! ווי איך בין אַ איד. געקומען!...

אלע: (נייגעריג) ווער? ווער? (שטעהען אויף).

מרדכי: (פון קארידאר) קום גלייך, חאסיע!.. פארוואס האב איך ניט מורא..

וולאדימיר: חאסיע איז אויך דא! חאסיע איז דא!... קומט אריין!...

פריידע: וואס דארפסט דו זיי אהער, א ציערונג? (גיעהט צום טהיר, אנטקעגען קומט מרדכי, וועלכער טראגט אין א זאק הסיע'ס זאכען, ער איז זעהר ארעם געקליידעט, נאך איהם חאסיע, טראגט גרויסע שטיוועל, מאלארוסישע קליידער, פיעל קארעלען, אויף די קליידער טראגט זי א פידושאק פון א אינגעל, זי האלט אין איין האנד פיעל פעלד-בלומען. איהרע צעפ זיינען פערפלאכטען מיט לענטעס. זי קוקט זיך ארום ערשטוינט, טהוט אויס לאנגזאם דעם פידושאק און לעגט עס אויף'ן זאק מיט די זאכען).

מרדכי: די שיקסע לאזט ניט און איך געה... חאסיע זאגט, אפשר האבען מיר ניט געטראפען — איך טרעף שוין גוט... וואס מאכט איהר? ווערדליג איך זעה, דאנקען גאט... אי, דלות, דלות. (אלע שווייגען).

טראכטענ'ב: (צו מארק'ן) מיר שפיעלען ביידע... מיין ערשטע האנד.

חאסיא: טאטע, און וואו זיינען אונזערע?

מרדכי: שוטה, דאס זיינען זיי דאך אלע...

חאסיא: וואס זשע שווייגען זיי אזוי ווי פרעמדע? (קוקט זיך ארום) ליכטיג דא און פרעהלאך... מע זינגט, מע שפיעלט און ביי אונז דארט אזוי שפעט ביי נאכט איז שטיל און פינסטער... אדער מע שלאפט שוין לאנג, אדער מע קריעגט זיך, אדער די קינדער וויינען... (פרעהליך) דאס זיינען אונזערע? און איך האב זיך פאר זיי דערשראקען, ווי א נאר... איך האב געמיינט געבילדעטע מענשען זיטצען מיט גרויסע ביכער אזוי ווי גמראות און מע לערנט און מע זיי שפילען גאר אין קארטען... חא! חא! חא! אין מיטען מיטיואך

אין קארטען שפּילען וואס זשע אין קאטערינאסלאוו פּאלט אוים חנוכה אום זומער גאר? (גלעכטער) .

טראכטענבּ: מיר זיינען דא אם וועניגסטען אויף אזוי פיעל ציוויליזירט צו פערשטעהן, אז ווען מען שפּיעלט אין קארטען איז חנוכה.

חאסיא: אזוי? ווען מע שפּיעלט אין קארטען איז חנוכה? וואלט מען דאך גאר קיין מאל ניט געדארפט קוקען אין לוח אריין! ווען מע שפּילט אין קארטען איז חנוכה, ווען מען עסט קניידלאך איז פּסח, ווען מען עסט קרעפּלאך איז הושענא רבה, ווען מע עסט האמענטאשען איז פּורים..

מרדכי: מאלדייך, חאסיע, דו זאלסט ריידען וועניגער, וואלט געווען געזונטער.

וולאדימיר: זי ווייס מעהר דינים פון מיר... ווען קרעפּלאך ווען האמענטאשען.

פריידע: (געהט צו זיי) נו, מאטיע, וואס מאכסט דו? דאס איז דיין חאסיע? א געזונדע מויד מיט רויטע באקען... יולי, דו וועסט זעהען, אין א פּאר וואכען ארום, וועט מען זי ביי מיר ניט דערקענען... האבען צו טהאן מיט פרעמדע איז גוט? מען גיט זיא א ריהר, זאגט זי שוין, זי וועט געהען צום ריכטער אדער זי ווארפט אוועק... און אייגענע וועט ניט ווארפען און ניט געהן לאדען...

טראכטענבּ: (שפּיעלט) ווי דו פערשטעהסט. מיין פּרינציפּ איז ניט האבען צו טהון מיט אייגענע, איך בין א קאמער־טשעסקי מענש און פערשטיי די דאזיגע פּאראלעלע... אהא! צוויי טייז אויף'ן טיש...

אסיא: דאס איז די מומע פריידע? אז דו ביזט א'ן אייגענע מומע, וואס האסט דו מורא מיט מיר זיך צונויפחאפּען אזוי... גוט! (אומארמט זי און קושט שטארק.) אי, מומע פריידע. וואס מאכסט דו פארט? די מאמע עליה השלום פלעגט מיר פון דיר און פון אייך אלע זעהר א סך דער־

ציילען און יולי. דאס איז אודאי דער פעטער יואל? פער-גינט זיך צו טראגען צוויי בערדלאך, ווי א פריץ (ציינט אויף זיינע באקען באָרד. א שטארקער געלעכטער).

פריידע: און דאס איז מיין זון, וולאדימיר.

וולאדימיר: (נייגט זיך קאמיש) איך בין הבחור החכם וועלוויל יא, איך בין דער בחור...

אסיא: (בעטראכט איהם) הם, דאס איז ער? איך האב געמיינט ער איז עפּיס ניט אזוי... טאטע, איך בין רויט געוואָרען? (א געלעכטער) אז מען קומט פון דרויסען געהט ארויס דער ווינד.. באטאג איז געוועזען היים און ביי נאכט קיל.. ווי מע איז נאך צוגעפאהרען צום דניעפּער... א קאלטער טומאן ליעגט איבערן טייך.

פריידע: און דאס איז מיין טאכטער קאראלינא.

אסיא: קעליע! איך געדענק, די מאמע ע"ה האט מיר ער-ציילט, אז זי איז געוועזען א קליינע איז זי געוועזען א זאלאטושנע און עס האט ביי איהר שטענדיג גערונען פון אן אויער.

פריידע: פע! דו רעדסט וואס מע דארף ניט. איך האב דאס פיינט...

אסיא: א ליגען דארף מען פיינד האבען און דעם אמת מעג מען שטענדיג זאגען, איא פעטער יואל?

מארק: איא, יולי דאווידאוויטש, ווען זי וועט אנהויבען נאשען און שלעפען צוקער פון פושקע, וועט זי האבען אן אנדער פּרינציפּ?

אסיא: און ווער איז דער מיט דער ציגענער בערדיל? אונזער א קרוב עפּיס?

קאראלינע: יא! אונזער א קרוב.. מיין חתן.. א פּריסאזשנע פּאווערניע.. אדוואקאט...

אסיא: (שאקעלט מיטן קאפּ) טשודנע מענשען ביי אייך דא אין שטאדט (קוקט ווי וולאדימיר שטיפט מיט די מאמועלען) ער גע-פעלט אלעמען.

**וולאדימיר:** אויף מײַן וואָרט, איך האָב מורא פאַר איהר. מיר
וויזט זיך אויס, אַז וועט זי מיר באלד אָנהויבען זאָגען
מוסר.

**מרדכי:** הארט אויס, זי וועט זיך נאָך צוטענהן.. דער קאָפּ,
שונאי ישראל, איז איהר ניט אויסגעדארט... געה שרײַ
חי וקים, אַז דאגות פרנסה איז פאָרט שווער ווי קריעת
ים סוף אָבער קינדער? נעמט פערילען, אָדער אפילו גע-
צילען געראָטענע קינדער, זאָל איך האָבען אַזאַ מזל.
הײַנט זעליגעל מיט סאָסיעלען? דימאנטען מיט ברילאנטען.

**וולאדימיר:** איהר זעהט דעם אידען, ער איז בעשאָטען מיט
דימאַנטען און ברילאַנטען.

**מרדכי:** וועדליג אין אָרעמקײַט... ווײַס איך מע זאָגט, טאָלצע
איז אַ שטיף מאַמע, אָי דלות, דלות, אָבער קינדער אלע
געראָטענע, אַזאַ יאָהר אויף מיר.

**אסיא:** נו טאַטע, דער מומע טאָלצעס זעליג מיט סאָסיע
זײַנען שוין ניט אַזוי אַי! אַי! אַי! מע זעהט, עס איז פון
אַן אַנדער זאַוואָד... חאַ! חאַ! חאַ! אין דער הײם וואָלט
איך שוין געהאַפּט פון דער שטיף מאַמע הערפאַר אַ
פלאַסק אין באַק, אַז פונקען וואָלטען געפלויגען. אָי!
וויפיעל זײַ בעכען דאָרט אַרײַן אין מיר קלעפּ... מומע
פרײַדע, זאָג דעם אמת, דו געדענקסט חאָטש אַז מײַן
מאַמע ע"ה איז געווען דײַן לײַבליבע שוועסטער? קײנער
וועט ניט גלויבען, וויפיעל איך האָב געוויינט און וויפיעל
טרערען איך האָב פערגאָסען זינד זי איז געשטאָרבען...
עס איז אַזוי שווער צו לעבען אָהן אַ מאַמע, מומע, איך
בין געקומען צו דיר, דו זאָלסט מײַן צווײטע מאַמע זײַן
(ווישט אָב אַ טרער) חאַ! חאַ! דער שטיף מאַמע אויף צו
להכעיס פלעג איך דוקא זינגען האַחלאַצקי לידער... זי
קלאַפּט און איך זינג... טאָלצע טאָלטשעט און חאַסיע
זינגט נו, געה. טהו מיר עפּיס!

מרדכי: חאסיע, ווערליג איך זעה, האסט דו פארגעסען, וואס מע האט דיר אנגעזאגט. חאסיע? אי דלות דלות!

וולאדימיר: חאסיע! ווי אזוי רופען דיך די מוזשיקעס אין דארף? דיוועשינא חאסיא?

חאסיע: (קריכט איהם) זיי רופען מיך ניט „חאסיא", זיי רופען מיך אסיא.

וולאדימיר: אסיא? מיר דוכט זיך דער... ע דאבראליובאוו האט א ראמאן מיט'ן נאמען, „אסיא איא?

מארק: חא! חא! דאבראליובאוו דער קריטיקער האט געשריע־בען ראמאנען? ברודער, האסט געטראפען מיט'ן פינגער אין הימעל.

וולאדימיר: ניט דאבראליובאוו.. איך מיין דער... ווי רופט מען איהם?... פאפא, דו געדענקסט ניט? שטענדיג אז איך וויל וויזען, וואס פאר א קענער איך בין. פאהר איך אריין.

קאראלינא: דו מיינסט טורגעניעוו...

טראכטענבערג: וואס שעמסט זיך אזוי באלוואן? מיין פרינציפ איז: ביזט דו א געלערנטער מענש זיי אגעלערנטער מענטש, ביזט דו א קאמערטשעסקי מענש זיי א קאמערטשעסקי מענש — ביידע גלייכע פאראלעלען... אט האב איך אויך ניט פיעל געלערנט, פון דעסטוועגען בין איך אין קאמערינאסלאוו איינער פון די ערשטע... בין דירעקטאר אין קאמער־טשעסקי קלוב, האב א מעדאל דערפאר וואס איך האב צעהן יאהר זיך געסטארעט פיר בילדונג, אלס א גבאי פון תלמוד תורה... (שפיעלט) פאס! גיט קארטען.

מרדכי: הערסט ווי מע רעדט דא? איך האב דיר געזאגט, זיי זיינען אלע געבילדעטע מענשען און דיר וועט זיין גוט. פריידע לעבען, די מוזשיקעס ווארטען אויף מיר — איך זיץ ווי אויף דער פור.. איך מוז שוין לויפען... זאלסט אויף איהר ניט קוקען. זי איז פייער, די הויט

ברענט אויף איהר. מאַך זי פאַר אַ מענש, לערען זי, ווי זאָגט מען: אַ פּאַטש פערגעהט, אַ וואָרט בעשטעהט... און אַז זי וועט זיך שאַנעווען איז דאָך מאַלדייך ווערליג וואָס... איך וואָלט געוואָלט אַ ביסעל צובייסען און פאָה-רען צוריק מיט די זעלבע טשומאַקעס, מען קען ניט גרינג קריגען אַ פוהר קיין קאַראַטשיקראַק...

**וולאַדימיר:** איהר הערט ווי זייער הויפטשטאָד רופט זיך קאַראַ-טשיקראַק! חאַ! חאַ! כמעט אַזוי ווי פּאַריז אַיאָ? (אַלע לאַכען).

**מרדכי:** אַלואי פּרנסה איז קאַראַטשיקראַק אויך אַ מדינה.

**אסיא:** מע קען לאַכען פון יעדען נאָמען: יולי? חאַ! חאַ! חאַ! קאַראָלינאַ? חאַ! חאַ! חאַ!

**פריידע:** אָהן חוצפה, דו! מיין ניט ביזט ביי דיינע ישובניקעס אין דאָרף. אַי! אַזאַ ווילדע איידער מע לערנט אוים אַ ביסעל דרך ארץ..

**אסיא:** וואָס דאַרף מען לאַכען פון קאַראַטשיקראַק? עס איז אַ קליין דערפיל אויף הויכע שטיינער לעבען אַ גרויסען טייך.. פון ביידע זייטען וואַקסען אַלטע ווערבעס און בוימער וועלכע מע רופט ווייניגדיגע איוועס, ווייל זיי שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגען, אַזוי ווי זיי וויינען... (פערטראַכט זיך).

**מרדכי:** מאַלדייך איר מעגט זי הערען, אַז זי הויבט אָן עפּים דערציילען... ניט קשה, דער מח איז איהר ניט אוים-געדאַרט שונאי ישראל, די בוימער איז ווערליג ערבות פון וועלכע יודען רייסען הושענות... זי ווייסט יעדעס פּיצעלע.

**אסיא:** ווייט זעהט מען די פלאָווינעס, אַזעלכע טיפע גרויסע טאָלען באַדעקט מיט קאָמיש, און פסח צייט גיעסט זיך צו-נויף אונזער טייך מיט'ן דניעפּער און עס ווערט אַזוי גרויס ווי אַ ים. מע זעהט נאָר הימעל און וואַסער...

און ווען עס קומען די שעהנע זומער נעכט און די לבנה שיינט, זאגט מען, קומען צו שווימען פון דניעפער וואסער מוידען, וועלכע רופען זיך רוסאלקעס... זיי וואוינען אינ'ם וואסער אין א פאלאץ פון קריסטאל...

וולאדימיר: דו הערסט, מארק, וואו די וואסער-מוידען זיינען? מע האט געדארפט פערשרייבען די אדרעסא.

אסיא: (זיפצט) אי! אלואי וואלט איך בעסער דארט געבליבען און די מומע מאלציע וואלט איהר אהער גענומען אנשטאט מיך. חא! חא! דעם טאטען וועט אזא פלאן ניט געפעלען... איך ווייס ער דארף די מומע מאלציע נויטיגער ווי מיך...

מארק: ווי ציניש זיי זיינען אין דארף, א מיידיל פון 15 יאהר און ווייסט שוין אללעס...

קאראלינע: (שטיל) וואס ווייסט זי, מארק? וואס מיינט זי דען?... הא?

טראכטענבערג: זיי וואקסען דארט ווי חיות... די ציוויליזאציע איז זעהר וויים פון זיי (שפיעלט) זיעבען אין קרייז!..

מרדכי: נו, יא, דער עיקר איז, זי זאל פאלגען... זי ווייסט. ניטא קיין אנדער ברירה... מיינע עשירות הא? א מאל געווען מיט יואל'ן גלייכע מענשען. זאגט גאט: יואליק טראכטענבערג, קריך ארויף! מאטיע שטרייבעל, קריך אראפ! אי, דלות! פריידע לעבען, איך מוז פערבייסען און לויפען.

פריידע: קום, איך וועל דיר הייסען געבען עפעס עסען, נעם די זאק מיט איהרע זאכען אהין. (מרדכי וויל נעמען דעם זאק) שעהנע זאכען (מיט פעראכטונג).

אסיא: (רייסט ארויס) די זאכען זיינען מיינע און זיי וועלען זיין דארט, וואו איך וועל זיין!

פריידע: (בייז) וואס מיינסט דו דער זאק מיט דיינע זאכען איז א צירונג דא אין זאל?

**אסיא:** בא מיר זיינען מיינע זאכען אין זאק אזוי טייער ווי בא אן אנדערען זיינע זאכען אין קאסטען!...!

**פריידע:** (בייז) ע! זי איז מיט א חאראקטער בא דיר! ניש קשה, איך וועל זי מאכען פאר א מענש!

**מרדכי:** (געהט) יא, מאך זי פאר א מענש... ניט איך, ניט טאלצע! אז זי שפארט זיך איין. חאטש גיב איהר א קרענק... וויפיעל מיר האבען זי געהרג'עט, געשלאגען, עס האט אזוי געהאלפען, אקוראט וועדליג דו זאלסט שלאגען אין דעם זאק ארייו. אוי, דלות! דלות! (ער און פריידע אב אין א אינערע טיער)

**קאראלינע:** (צו די מאמזעלן) איהר זעהט זי לאזט די אויגען ניט אראפ פון וולאדימיר'ן...

**איין מאמזעל:** זי איז ניט קיין נאר...

**קאראלינע:** מיר וועלען זי רופען אסיע, ווי בא טורגענעוו'ן... איא א שעהנער נאמען?... אסיא, וואס איז דאס בא דיר, א בוקעט?

**אסיא:** הא? וואס מיינסט דו, די קוויטען? פאהרענדיג מיט'ן וועג ווי איך פלעג דערזעהען אויפ'ן פעלד קוויטען, פלעג איך אראפ־שפרינגען פון וואגען און לויפען אויסרייסען... די גוים האבען ניט געלאזט דעם טאטען מיך שלאגען דער־פאר... בא איהם איז דאך אלץ א חטא! אז א אידיש מיידיל רייסט אוים א קוויטיל, איז זי שוין א שיקסע בא איהם... און איך האב ליעב קוויטען... איהר זעהט, דאס איז ליובישטאק, דאס איז טשעפטשיק, בארוויזאק, ראמאשקעס, שצעברעץ, וואסילקי, קאשקא, סוויריפקא און דאס איז יוואן דא מאריא... איך קען אלע קוויטען און אללע גראזען אין פעלד.

**קאראלינע:** זי קען בעסער באטאניקע פון אונז אללע.

**אסיא:** נא, קעלי, דאס איז דיר און דאס איז איך, מיידלאך (טיילט אלצמען בל מען).

**וולאדימיר:** עֶי, הו חאחלושקע, מיר קומט גאָר ניט?

**אסיא:** אַ מאַנזביל דאַרף ניט אַזעלכע זאַכען, איך זאָל וויסען אַז דו האָסט ליעב גראָז, וואָלט איך דיר אָנגעריסען קראַפּיווע. דו ווייסט? עס בייסט זיך אַז מע שמייסט. (לאַכט) נאַ דיר דאָס קוויטיל. דו ווייסט, פאַר וואָס דאָס רופט זיך, יוואַן דאַ מאַריע?

**וולאדימיר:** איך בין זעהר אַ וויסענשאַפטליכער מענש, אָבער פונקט דאָס, ווייס איך ניט... איך בין קיין מאָל ניט געווען אין קאָראָטשיקראַק...

**אסיא:** זיי דערציילען, עס איז געווען צוויי אונגליקליכע יתומים: יוואַן און מאַריע. זיי האָבען געהאַט גרויסע צרות און זיינען ביידע געשטאָרבען און מע האָט זיי ביידע בעגראָבען אין איין קבר. פון זייערע טרערען איז אויף זייער קבר אויסגעוואַקסען איין בלימעלע מיט צוויי צווייגעלאַך. (פערטראַכט זיך, זיפצט). אַי! איך ווייס ניט פאַרוואָס מיר האָט עפּיס פלוצלינג אַזוי אָנגעהויבען וועה טהאָן דאָס האַרץ און מיר ווילט זיך אַזוי אַהיים. (פריידע קומט צוריק). חאַ! חאַ! וואָס פאַר אַ הויכע סטעליע דאָ אין שטוב! (קוקט זיך ארום) אַ הילצערנער פּאָל פערשפּרייט מיט טייערע רעדנעס און פלאַכטעס... און איך פלעג אַללע ערב שבת שמירען דעם פּאָל מיט ליים און מיט קוייקעס (געלעכטער).

**פריידע:** פעֶ! גענוג רעדען! נו! רעדט שוין אָב היינט פאַר אַללע מאָל. ביזט אַ גאַסט היינט!

**טראַכטענבערג:** פרעדע לעבען, האָסט גענומען אַ פּיליולע דו עסט זיך אָב דאָס האַרץ אַז מע זאָגט דיר. געדענק: דער פּרינציפּ פון אַ קאָמערטשעסקי מענשען, ניט האָבען וואָס צו טהון מיט איינענע.

**פריידע:** ניש קשה, זי וועט באַ מיר זיין אַ זיידענע. איך וועל זי אויסלערנען.

קאראלינע: יאָ, מאַמאַ, איך וועל זי לערנען לעזען און שרייבען...

פריידע: נו, יאָ, זי דארף עס נויטהיג. איך זאָג דיר.

וולאדימיר: פּאַפּאַ אַ יאָ, אַז מיר וועלען זיך אַלע נעמען פאר איהר, וועלען מיר מאַכען פון איהר אַ מענש?

אסיא: (געהט אום און בעטראַכט יעדע זאַך) דאַכט זיך, אַז מע לעבט אין אַזאַ וואָלטיג, האָט מען ניט וואָס צו זיין בייז און שלעכט און דאָך... מומע, קום נאָר אהער (נעמט זי פאר'ן האַנד און קוקט איהר אין די אויגען) זאָג מיר אָקערשט דעם אֶמת: ביזט אַ גוטע?

וולאדימיר: דו היט זיך בעסער, דאָס איז אַ פושקע, עס שיסט! (גיט אַ בּאַראַבאַנע איבערן פּאָרטאַפּיאַן.)

אסיא: (רוהיג) ווילסט מיך איבערשרעקען? איך האָב געזעהען אַזאַ פושקע ביי אונזער גלח אין דאָרף — וועלוויל. האַלסט מיך אַ פנים פיר אַ נאַר, האַ? עס קען זיין אין דער פרעמד ווייז איך טאַקי אויס אַ ביסעל נאַריש. דו זאָלסט קומען צו אונז אין קאָראָטשיקראַק, וואָלסט דו אויך אויס־געוויזען ווי אַ נאַר. איטליבער איז אַ חכם באַ זיך אין דער היים. ווי זאָגט מען. יעדער איז אַ גאַנצער מענש באַ זיך אויפ'ן סמיטניק.

וולאדימיר: איז דאָס ניט מוסר? איך האָב מורא מיר קריגען אין שטוב אַריין נאָך אַ מוסר זאָגער אויף מיין קאָפּ! (קוקט אויף איהר אַפּאַרט) אָבער זי איז אַפּעטיטלאַך.

אסיא: וועלוויל, אַז די קוקסט אויף מיר איז אַקוראַט ווי דו ריהרסט מיך אָן מיט'ן האַנד (קוקען איינער אויפ'ן אַנדערן).

קאראלינע: (שטיל צו אַ מאַמזעל) עס איז נאָך ניט געווען באַ אונז איין מיידיל אין שטוב, זי זאָל ניט שטאַרבען נאָך איהם. אי, אַמאָל האָב איך געזעהען — (זאָגט עפּיס אויפ'ן אויער. מרדכי קומט.)

מרדכי: דאַנקען גאָט, אָנגעשטאָפּט אַ ביסעל די קישקע און מע דאַרף לויפען צו די פוהרען. נו, חאַסיע, זעה זשע רמע״ה וועדליג ווי אַ מענש פאָלג דעם פעטער, פאָלג די מומע, פאָלג גוטע פרומע לייט, ווי די ווייבערשע מודה אני זאָגט: זיי וועלען מאָלדייך דיך ניט פערלאָזען... נגידים, עשירים...

פריידע: יאָ, וועסט זיין אַ פּאָר יאָהר אין שטוב... עס וועט זיך מאַכען אַ אָרענטליכער בעל מלאכה — מיר וועלען דיר חתונה מאַכען... און... מיר וועלען זעהען...

מרדכי: דאָס זאָג איך דאָך, וועדליג עס איז דאָ אַן אַנדער ברירה? נו, חאַסיע, זיי געזונד און זאָרג זיך ניט, דאַרפסט זיך לגמרי ניט זאָרגען...

אסיא: טאַטע, פערגעס ניט יענקעלעס שפּינדושאַק. (דערלאַנגט דעם פּידושאַק) און נאַ, וועסט געבען זעליגען, איך האָב געפונען אין כעלד צוויי בלאָע גלעזלאַך, אַז מע קוקט דורך זיי איז די גאַנצע וועלט בלאָע....

מרדכי: נו, מאָלדייך אַ טייערע מתנה...

טראַכטענ׳ג: בלאָע גלעזלאַך! מע קען זיך פערלאָזען אויף אַזאַ מענשען אין שטוב. פּאַס!

אסיא: טאַטע, איך האָב דערווייַלע ניט קיין בעסערע מתנות... איך וועל דאָ רייך ווערען באַ דער מומע וועל איך דיר קויפען אַ זילבערנע עטרה צום טלית און פאַרגעס ניט געריסען פון מיר אַקסאָנען יאַחרימענקעס. (זיפצט)

טראַכטענ׳ג: אַקסאָנע יאַחרימענקע... אַ שיינע פּאַראַלעל! חאַ! חאַ! חאַ!

פריידע: ניש קשה, ביי מיר אין שטוב וועט זי זיך גיך פער־געסען די אַלע דערפישע זאַכען...

מרדכי: נו, חאַסיע, זיי געזונד. דערלעבען זעהען זיך אין נחת.

אסיא: אַי, טאַטע, הייסט עס, דו פאָהרסט טאַקי באַלד אוועק

אהין צוריק און איך בלייב דא אליין? אי, מיר האט
ווידער אזוי אנגעהויבען ווייטהון דאס הארץ...

**מרדכי:** נארעלע, פון אנפאנג איז ווערלינג פריקרע, וועסט זיך צוגעוואוינען. דאך אן אייגענע מומע, א שטיקעל תכלית, א מענש... אי! דלות! דלות! זיי געזונד... האט א גוטע נאכט... זייט אלע געזונד.

**פריידע:** האר אויס, מרדכי, קינדער, טאמער וואלט איהר געגאנגען אביסעל אין גאסטינע ארײן. (אלע יונגע לײט גייען.)

**וואלאדימיר:** איך בין אסיען ניט מקנא, די מאמא וויל איהר געבען די ערשטע פארציע מוסר (צו א מאכזועל) פעניטשקע, איך וועל שפיעלען מיט אייך אין לאפקעס (אבגעהענדיג).

**אסיא:** (פאלגט זיי מיט איהרע בליקען) הם, ער שפיעלט זיך מיט איהר... א פנים זי וועט זיין, זיין כלה... (פערטראכט זיך).

**פריידע:** מאטיע, איך וויל מיר זאלען פריער וויסען יעדעס פיצעלע, ניט נארען זיך חאסיע, איך נעם דיך ניט אין שטוב פאר א בת מלכה... דו וועסט מוזען ארבייטען בא מיר...

**אסיא:** גלויב מיר, מומע, איך וועל ניט ארבייטען ווענינער פון אייך אלע... דו וועסט זעהען, ניט ווענינער פון קאראלינען...

**פריידע:** דארפסט זיך ניט גלייכען צו מיינע קינדער — זיי דארפען קיין זאך טהון, זיי זיינען בעל-בתישע קינדער און דו דארפסט טהון אלעס, וואס מע וועט דיר הייסען.

**אסיא:** נו, דו וועסט דאך מיר ניט הייסען טהון דער רוח ווייס וואס!!

**פריידע:** שטיל! דו הער, וואס איך זאג! עס איז א שטוב פול מיט אלעס גוטען — יעדע זאך דארף זיין גאנץ... טארסט קיין זאך נימען, איידער דו פרעגסט...

אסיא: איך דארף ניט פרעגען און דארף ניט נעמען. וואס מיינסט דו, איך בין א גנב?

פריידע: שא! דו רעדסט צו פיעל... דו דארפסט גאר ניט רעדען, דארפסט נאר ענפערן, אז מע פרעגט דיך. פאר אלעמען דרך ארץ האבען. מיט קיינעם אין שטוב ניט זיין קיין מחותן, ניט מיר, ניט דעם פעטער, ניט קאראלינען, ניט וולאדימירען דארפסט דו זאגען „דו", אלעמען מוזט דו „אירצען„ (אסיא בעטראכט זי ערשטוינט) הערסט? אוים דארף, עס איז א שטאדט!

מרדכי: א ברך! קאטערינאסלאוו! זאלסט ניט אנטהון דער מומע קיין יסורים, חאסיע, מעגסט מיר גלויבען, וועדליג א פאטער, אבער אז דער טאטע דיינער איז פארט א דלפון. איך וואלט מאלרייך אודאי... אי, דלות... דלות! זיי געזונד, חאסיע, אלואי אין נחת און אין פריידען... א גוטע נאכט. (אב)

פריידע: (שטרענג) נו, איצט נעם די זאכען און קום אין קיך אריין!!

אסיא: (שפרינגט פלוצלינג אויף) טאטע, קום אהער! טאטע, האב אקערשט צייט א ביסעל! טאטע הער אוים... טאטע! טאטע!

פריידע: (בייז) טס! ווילדע, דארטען זיינען פרעמדע מענשען... (מרדכי קומט צוריק).

אסיא: טאטע, איך בעט דיך, קום אהער. איך וויל דא ניט בלייבען. מיר געפעלט דא ניט.. איך האב געמיינט אנדערש... קרובים... דער מאטעס א לייבליכע שוועסטער... איך וויל ניט... איך האב מורא פאר איהר. אין דער היים איז דאך בעסער (האפט איהר זאק מיט זאכען) לאז מיך ניט איבער דא, טאטע, איך וויל פאהרען מיט דיר אהיים..

מרדכי: זיי ניט משוגע, חאסיע, וואוהין קען איך דיר נעמען?

האָסט זיך שוין פאַרגעסען? ווערליג נאָך דיינע יאָהרען
האָסטו דו געדאַרפט מעהר שכל האָבען.

**פריידע:** געה, געה, מאָטיע, זי וועט בּאַ מיר לאַנג ניט טענה'נען (שלעפּט אַסיען צוריק).

**טראכטענ'ג:** אַ שעהנע פאַראַלעל... דאַרפסט עס נויטיג...

**מארק:** יולי דזווידאָוויטש, פאַרגעסט ניט, דאָך אַן אייגענע טאַנטע.

**פריידע:** (שלעפּט אַסיען) ניש קשה, זי וועט בּאַ מיר ווערען אַ זיידענע... און עס איז טאַקי אַ מצוה אויך... אַן אָרעמע יתומה, אַ פריינדיל. אַהער געה, דו!

**אסיא:** (ראַנגעלט זיך בּייז) לאָז מיך! טאַטע, נעם מיך בּעסער אַהיים... איך וועל דאָ ניט זיין! אַז איך זאָג, איך וויל דאָ ניט בּלייבען, וועל איך דאָ ניט בּלייבען! אַוועק פון מיר! לאָז מיך אַהיים! (וולאַדימיר, קאַראָלינע, אַללע יונגע לייט צוריק, ערשראָקענע).

**מרדכי:** (טרויריג) איך וויים דיינע עקשנות, חאַסיע, אָבער אדרבה בּאַרעכען אַליין, וואָס וועט טאָלצע אונז בּיידען זאָגען, אַז איך וועל דיך בּרענגען צוריק? נאַרעלע, דו ווילסט אַהין? אַי, אלואי וואָלט איך געקענט פון דאָרט אַנטלויפען... עס איז מאָלדייך אַ בּיטערער ווייטאָג צו זאָגען, אָבער דו ווייסט דען ניט, אַז דו האָסט בּאַ מיר ניט קיין היים? דאָ מוז זיין דיין היים. דאָ, מיין קינד...... (גלעט זי איבּער'ן קאָפּ).

**אסיא:** (רוהיג און טרויעריג) יאָ, איך האָב ניט קיין היים, דאָס איז אמת... איך האָב עס שיער ניט פאַרגעסען... אַלע קינדער האָבען אַ היים און איך האָב קיין היים ניט... (פאַלט אויפ'ן זאַק מיט זאַכען און וויינט שטיל) אַי, וועה! אַז מי האָט ניט קיין מאַמע האָט מען קיין היים ניט, ניטאָ, ניטאָ קיין היים אָהן אַ מאַמע... (מרדכי שאָקעלט טרויריג מיט'ן קאָפּ, אַלע בּלייבען שטיל).

פאָרהאַנג פאַלט.

# צווייטער אקט.

(א גרויסע קיך ביי טראכטענבערג'ען. אן אייזערנע בעט, אן אלטער קאסטען. אסיא, א בלאסע פליטע, אויף וועלכע עס שטעהען פיעל פרעסען, א פרעסער־טיש פערוואָרפען מיט וועש. ביים וואנד אן אייזערנע בעט, אן אלטער קאסטען. אסיא, א בלאסע נעקליידעט ווי א קאמער־מעדכען, (א שווארצעס קלייד מיט א ווייסען פארטוך), זיצט ביים טיש און נעהט זעהר איילענדיג א קליידעלע פון א קליין קינד, מרדכי קוקט איבער א גאנצען פאק מיט אלטע זאכען, עס איז דונקעל, אסיא צינדט אן א לאמפ און נעהט).

**מרדכי:** נא, ניט געטראָפען! מיין אונגליק וואס איך טרעף ניט, ווייטער וואלט איך שוין אויך לאנג געווען אן עושר... איך האב גערעכענט, זיי וועלען מיר געבען געלד, קויף איך א פערדעל און ווער א גלעזער... קומען אהיים אהן א פערדעל און אהן א שווערדעל, וועל שוין האבען פון טאָלצען... די פליודערן ויינען צו שמאָל און צו פראנצוויזישע — פע! ניט פאר מיר... אט די ספאָד־ניצע זאל חאָטש זיין גוט פאר טאָלצען... רבש"ע, זאל חאָטש די ספאָדניצע פאר מיר זיין א מליץ יושר, (אונגעדולדיג) אָי, חאסיא גיכער.

**אסיא:** באלד! (קוקט זיך אום) זעהסטו, וויפיעל איך האב צו פרעסען... אז מען וועט מיך טרעפען ביי פרעמדע אר־בייט, חאפ איך דעם פסק... אָבער זעה, וואָס פאר א פלאָטקעלע סאָסיעלע וועט האָבען (נעהמט דאָס קליידעלע פיר דיי ארבעל און בעטראכט עס ענטציקט).

**מרדכי:** וועדליג איך זעה, גריזעט זי דיך, ווי טאָלצע... איך מוז געהען צו פוס קיין מאנדריוקאָווקע, דאָרט שטעהען די פוהרען... אָי, דלות, דלות!

**אסיא:** (חאַפּט זיך אויף ערשראָקען און שטעלט זיך פּרעסען) שש! זיי געהט אַהער! (פריידע עפענט די טהיר און בלייבט שטעהען).

**פריידע:** אַזוי פריה ברענט שוין אַ לאָמפּ ביי דיר! וואָס טהוסט דו? פּרעס! פּרעס! (אָב).

**אסיא:** (זעצט זיך ווידער נעהען) יעדע מינוט אַ רעוויזיע אין קיך שאַ; (בעהאַלט דאָס קליידעלע, קאַראָלינע עפענט די טהיר)

**קאראלינע:** אָה! דיין גאַסט זיצט נאָך? אַ לאַנגער וויזיט... חע! חע! (מאַכט צו די טהיר).

**מרדכי:** וואָס טאַנצען זיי אַרום אַהין און אַהער? דלות מיינער..

**אסיא:** זיי האָבען ניט וואָס צו טהון ווילען זיי עפּעס אויס־שמעקען...

**מרדכי:** פּאָוואָליענקע ביזטו שוין דאָ אַ 15 חדשים. דו האַלסט זיך, האַ?

**אסיא:** (נעהט) יאָ, טאַטע עס האַלט מיך...

**מרדכי:** מיין טאָלצע זאָגט מיר אָפּט: דו וועסט זעהען, די משוגענע חאַסיע דיינע וועט נאָך אַמאָל קומען צולויפען צופוס אין קאַראָטשעקראַק... איך וויים, אַ קשיה אויף חאַסיע'ן! אָי! איך וועל דאָס האָבען פון טאָלצען אַ ברוך הבא.

**אסיא:** נאָך אַמאָל לויפען צופוס פון דאַנען? ניין, טאַטע, איין מאָל איז אַ חכמה. וואָס העלפט דער ענטלויפען, אַז דער שלימזל לויפט דיר נאָך?

**מרדכי:** אַן אַטוואַזשנאָסט פון אַ מיידעל! אַזאַ מהלך לויפען צו פוס... ביי'ם אַלטען העראַסימענקאָ איז געווען אַ הונד. פלעגט ער אָנשמעקען מיט דער נאָז אַ מהלך פון 3-4 הונדערט ווערסט... רבש"ע, די ספּאָרניצע זאָל חאָטש געפעלען טאָלצע'ן.

**אסיא:** (לאַכט) העראַסימענקע'ס הונד פלעגט אָנשמעקען אַ מהלך מיט'ן נאָז? ... (הערט אויף נעהען, ערנסט) טאַטע, איך האָב ניט געשמעקט מיט דער נאָז — איך האָב געהאַט

סמנים אין וועג... הויכע ווייסע טאָפּאָליען... דאָרט אַ קרענעצע מיט אַ צלם... אַ בערגעלע... ווינדמיהלען.. כל זמן די זונן האט געשיינט. בין איך געגאנגען און געזונגען... (פערטראכט) נאָכדעם איז געקומען די נאכט. די פינסטערניש איז מיר געגאנגען אנטקעגען: ווי אַ שוואַרצער גלח מיט אַ ברייטען, שווארצען מאַנטעל און האָט אַלעם איינגעוויקעלט, אַלעם איינגעוויקעלט... און עס איז געוואָרען אַזוי שטיל. דאָ האָב איך זיך אָנגעהויבען שרעקען: פון וואסער האָב איך געמיינט, קריכען צו מיר רוסאַלקעס מיט גרינע הענד. פון וואַלד האָט געשעפּטשעט דער אַלטער וואַלד־גייסט, פון׳ם גראָז האָבען געבלישצעט פייערדיגע אויגען... איך בין געגאַנגען אַזוי שטיל, אַז איך האָב געהערט ווי די זאַנגען פון׳ם קאָרן זאָגען עפּעס צום פעלד, ווי דער הימעל דערצעהלט אַ סוד צו דער ערד און די שטערן ווינקען און שעפּטשען: יאָ, יאָ! מיין שאָטען איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב מורא געהאַט אומקוקען זיך... איך האָב אפילו מורא געהאַט הויך צו וויינען... מיינע טרערען האָבען זיך געגאָסען אין דער שטיל... קיינער דאַרף ניט הערען ווי אַ יתומה וויינט.. די נאַכט האָט געשוויגען און די פינסטערניש האָט פאַרדעקט מיינע טרערען (פערטראכט זיך) חאַ! חאַ! חאַ! ניין, צום צווייטען מאָל וועל איך ניט מאַכען אַזאַ נסיעה — איך בין שוין איצט אַ היגע אויף צו אַן אמת. (נעהט) דערצעהל מיר בעסער נאָך אַמאָל, וואָס מאַכט זעליגעל? ער איז שוין אַ גרויסער בחור, האַ? (נעהט, איילענדיג).

**מרדכי:** וועסט איהם ניט דערקענען, אַ חלאַפּיאַק ווי אַ קניידעל, קיין עין הרע, לויפט אום באָרוועס און געהט ניט אין חדר. אַי, דלות מיינער.

**אסיא:** און די מומע טאָלצע איז געזונד?

מרדכי: יאָ, דאַנקען גאָט, געזונד. איך ווייס נור ניט פון וואַנען עס נעהמט זיך, ביידע פיס, ניט אין דיין מאָס געדאַכט, זיינען איהר געשוואָלען ווי קלעצער, ווערליג מען זאָגט, איז דאָס ווייל זי אין שוין ווידער... הם...

אסיא: שוין ווידער? אָרעמע מומע טאָלצע... אָי, טאַטע, וואָס טראַכסט דו זיך?

מרדכי: מאַלדייך, נאַרעלע, וואָס קען איך טהאָן? עס איז דאָך אַ גאָט־זאַך... אַ גרויסע עולה פון דיינע גבירים, איך קום אַהיים אָהן געלד, אָהן אַ פערד... טאָלצע וועט מיר שפּילען אַ קבלת פנים...

אסיא: אָט דאָס איז דאָך, אָי אַ דינסט בין איך, אָי זי האָבען אַ מצוה, אָי קיין געלד צאָהלען זיי ניט.

מרדכי: נו, מאַלדייך זיי ווילען דיר חתונה מאַכען.

אסיא: יאָ, איך קען זיך ניט בעקלאָגען... אין שטאָדט איז דאָ גענוג בעלנים דיך חתונה צו מאַכען... נאַ! פאַרטיג... יאָ, האָר אוים (עפענט דעם קאַסטען) דאָס האָט מען מיר געשענקט אַ קאָסינקע וועסט דו דאָס אָבגעבען מומע'ן טאָלצע. פאַר זעליגען אַ פערדעלע... אַ ביטשעל מיט אַ פייפעלע פאַר געציל'ען. אַ קוקלע פאַר פעריל'ען — זעה פערליער ניט. נו, געה געזונדערהייט און גערים דאָרט אַלעמען, אַלעמען.

מרדכי: מאַלדייך, חאַסיא, גאָט וועט דיר ניט פאַרגעסען, וואָס דו פערגעסט אונז ניט. זיי געזונד, זאָלסט זיין אַ זוהן. וואָלט איך זיך חאָטש צוקושט מיט דיר.

אסיא: מאַך צו די אויגען וועסט דו ניט זעהן דעם חילוק (קושט איהם) געה געזונדערהייט! איך זאָל ניט זיין פער־וואָרפען מיט אַרבייט, וואָלט איך געבעטען, זיי זאָלען מיך לאָזען געהען מיט דיר ביז'ן דניעפּער. קום, איך וועל דיך בעגלייטען ביז'ן טהויער. זעה, טאַטע, פערליער קיין זאַך ניט און לאָז דאָרט גערים אַלעמען, אַלעמען..

(זיי געהען) זאלסט זאגען אקסאנען יאחרימענקע'ם אז איך וועל האבען געלד, וועל איך איהר קויפען צוויי שניר־לאך קארעלען,.. אי! מיר האט אזוי אנגעהויבען וועה טהון דאם הארץ... איך וויים, האב דארט ניט קיין פלאטץ... איך וואלט שוין אליין ניט געקענט זיין אין אזא מדינה ווי קאראטשעקראק, אבער דאם הארץ ציהט דאך אזוי... דאכט זיך חאטש איין מאל א קוק טהאן פון דער ווייטען... (לאכט) חע! חע! חע! אי! דלות, דלות... (ביידע אב).

**פריידע:** (עפענט די טהיר) חאסיע, וואם טהוסטו? חאסיע?! זי איז גאר ניטא! אזוי פיעל ארבייט, פערשרפעט זאל זי ווערען (קוקט איבער די וועש) מען וועט דארפען איבערקוקען די וועש... א קשיה אויף אזא שלעפער, זי האט איהם געקענט מיטגעבען א פאאר גוטע העמדער פון וועבעל (וולאדימיר אריין).

**וולאדימיר:** דא אין קיך איז דער בעסטער פלאטץ, טאטער וואס... אה! די מאמא איז דא... דארפסט ניט זאגען קיין מוסר... איך וויל נאר זאגען אסיע'ן, זאל מיר אויספוטצען די שטיוועל... וואו איז זי?..

**פריידע:** דער רוח ווייסט זי, וואו זי איז פערפאלען געווארען (ביידע אב.)

**וולאדימיר:** מיר געהען האנט אין טהעאטער (קוקט זיך אום) יא, אבער אהן דער בראשקע... די בראשקע וועט שוין ניט געהן... ביז עס וועט זיך איבערקאכען, אהער אין אש אריין (בעהאלט א בראשקע אין אויווען, אסיא קומט און זעהט עס) אזוי, ברודער, גנב'ע, וועסטו האבען, קריינק וועסטו עסען.

**אסיא:** וואס איז?

**וולאדימיר:** הא? זאג דו, וואס איז?

**אסיא:** איהר דארפט עפעס?

**װלאדימיר:** װאס הארט דיך, אויב איך דארף עפעס? (לעגט די הענד אין די קעשינעס, זינגט: „נאטשי בעזאוטניא”, אונ געהט שטאלין אב).

**אסיא:** (שלעפט ארױס די בראשקע פון אויוועך) װאס איז דאס, א קאטאװעס? אסיא, מיש זיך ניט אין בעלי בתי'שע געשעפטען. (בעהאלט צוריק) אי! דער טאטע איז אװעק און איך בין װידער געבליבען צװישען פרעמדע... (זיפצט, שטעלט זיך פרעסען) דארט אין קאראטשיקראק איז איצט קלארע, קאלטע פריהמארגענס. מען זעהט װײט איבער'ן טײך א דארף אין אן אנדער גובערניע.. א װאסער קלויסטער... סטאלבעס רויך געהען פון די קוימענס צו די הימלען... (פרעסט און זינגט שטיל: „אי מאמא, מאמא, גע װידאי מענע זאמוש”, א געראוש, װישט אויף גיך אב די טרעהרען, קאראלינע קומט. אסיע שרײט פרעהלאך) אה, א גאסט! די בארישניע קאראלינע..

**קאראלינא:** אסיע, נא, װעסט מיר אויספרעסען די קרוזשיװעס (גיט איהר שפיצען) מארק האט גענומען א לאזשע און מיר געהען אלע אין טהעאטער.. איא מארק איז זעהר א פײנער?

**אסיא:** (פרעסט) יא, אזוי זאגט מען, װאס בין איך פאר א מבין אויף אזעלכע זאכען?

**קאראלינע:** אי, אסיע, דו װײסט, איך װעל אנטהאן מײן קלײד שטארק דעקאלטע... איך בויג זיך אן אין טהעאטער איבער דער לאזשע, בלומרשט עפעס זעהען און די מענער... אי, עס איז אזוי אנגענעהם װען דו פיהלסט, װי די מענער קוקען... פארװאס איז דאס?

**אסיא:** הײסט עס, איהר געהט ניט קוקען, איהר געהט װײזען, פע! אז איך ליגען די מענער אזוי פיעל אין זינען, פארװאס האט איהר ניט חתונה? איהר האט דאך א חתן...

קאראלינע: נאר, חתונה איז אן אנדער זאך און דאס איז אן אנדער זאך ... דער פאפא ווארט מיט'ן נדן ביז מארק וועט קריגען פראקטיקע און מארק ווארט מיט דער חתונה ביז ער וועט קריגען דעם נדן...

אסיא: וואס דארפט איהר די פראקטיקע צו דער חתונה? מען האט זיך ליעב און מען וויל חתונה האבען, נעהמט מען און מען האט חתונה.

קאראלינע: ביזט א פערד! וואס הייסט, מען נעהמט און מען האט חתונה? עס איז כדאי צו ווארטען, ווען מען ווייס, אז דאס איז א סוממע פון 10 טויזענד רובל. מיינסט אפשר, מיר וועלען חתונה האבען ווי ביי אייך אין קאראטשעקראק?

אסיא: אזוי? און איך האב געמיינט, אז אין קאראטשעקראק האט מען חתונה פונקט אזוי ווי אין קאטערינאסלאוו... אי! מיר דאכט זיך אמיצער זאל מיך ליעב האבען, איך וואלט משוגע געווארען!... איך!.. איך! אי! אבער ווי קומען מיר? ווי זאגט דער טאטע: אי, דלות, דלות!

קאראלינע: ליגנערין! און אונזער וולאדימיר? מיינסט, איך פערשטעה ניט אסיע, דו ווייסט ניט, ווי מארק איז פערליעבט אין מיר... טס! דו ווייסט, איך האב ליעב איינעם א קריסט, איך האב מיט זיין שוועסטער צוזאמען געלערנט אין פענסיאן... ער דיענט אין אקציז... אי דו זאלסט זעהען א מאן א בלאנדין! זיין נאמען איז קאלבאסין...

אסיא: קאלבאסין? דאס קומט פון קאלבאס. הא! הא! אפילו דער נאמען איז אויך א טרפה'ער... נאך וואס דארפט איהר איינעם ליעבען און מיט'ן צווייטען חתונה האבען?

קאראלינע: עזעל, דו הערסט דאך ער איז א קריסט... מיר זעהען זיך אפט אין פאטיאמקינס גארטען. (שטיל) אסיא, איך האב איהם געמוזט שווערן, אז נאך מיין חתונה...

זעהסט, איך דערצעהל דיר אַלעס... און דו דערצעהל מיר, ווי אַזוי איז בײַ אײַך מיט וולאַדימיר'ען... אַי, וויפיעל מיידלאַך האָבען שוין פאַר איהם אײנמאָל געגומען די כפּרה... איך האָב אַזוי ליעב, אַז מען דערצעהלט מיר אַזעלכע זאַכען. (אויפגערעגט) ווי אַזוי ביזט דו געוואָרען זײַנע, האַ?...

אסיא: ווי אַזוי זאָל איך וויסען, אַז איך בין דערבײַ ניט געוועזען?...

קאראלינא: זאָג דעם אמת... ביזט זײַנע האַ?..

אסיא: דעם גאַנצען אמת? יאָ! איך בין זײַנע... יאָ, איך בין זײַנע, איך בין אײַערע, איך בין דער מומע'ס, איך בין רעם פעטער'ס, איך בין דאָך אײַערע אַלעמענס אײגענע דיענסט... וואָס דאַרפט איהר נאָך פרעגען?

קאראלינא: אַי, נײן! איך מײן ניט דאָס...

אסיא: אָה, איהר מײנט ניט דאָס? (שפּײַט אויף'ן פּרעס) נו, האָט איהר אַ גרויסען טעות... (פּרעסט)

קאראלינא: (בייז) אַזאַ פערביסענע, אַזאַ פאַלשע, אַזאַ פערשטעלטע מיידעל ווי דו האָב איך נאָך ניט געזעהן... זאָג מיר בעסער, דו, האָסטו אויסגעלערנט דײַן אוראָק? וואו איז אָקאָרשט דײַן ביכעל? (זוכט)

אסיא: אַי, קאַראַלינע, האָט קײן פּאַראיבעל ניט, איך האָב ניט געהאַט קײן צײַט...

קאראלינא: (נעהמט א בוך פון טיש־קעסטעל) אַ נו, לעז... נאָמיך אונמיסטען הערען....

אסיא: (ווישט דאָס מויל מיט'ן פאַרטוך) אָי! (לעזט שווער) פּ. פּ...ביטשקאַ... באָ...זשיאַ ניע זנאַ...יעט...

קאראלינע: געדענקסטו, איך האָב דיר געזאָגט פון גראַמאַטיקע, אַז יעדע סענטענס, יעדע פראַזע רופט זיך פרעדלאָזשעניע, פערשטעהסט, די זאַך פון וואָס מע רעדט אין דער סענטענס, רופט זיך פּאָדלעזשאַשטשיע, דאָס

װאָס מען דערצײלט פון דער זאַך רופט זיך סקאַזױעמאָיע, צום בײַשפּיל דו זאָגסט: „פּטישקאַ ניע זנאַיעט", דאָס פֿױגעלע װײסט ניט, איז דאָס פֿױגעלע פּאָדליעזשאַשטשיע און „װײסט ניט" סקאַזױעמאָיע. פֿערשטאַנען? נו, צום בײַשפּיל, איך זאָג: אַסיאַ פּרעסט, װער איז פּאָד־ליעזשאַשטשיע?

**אסיא:** (אין אַ פֿערלעגנהײט) הם.... פּאָדליעזשאַשטשיע?... ע... האָט אַ פּנים דאָס פֿױגעלע.

**קאראלינא:** אָה, גאַה ק'טשאָרטו, באַלװאַן! (װאַרפֿט איהר דאָס ביכעל אין קאָפּ) אַזאַ פֿערשטאָפּטען קאָפּ האָב איך נאָך ניט געזעהען! פּרעס מיר אױס די קרױשעװע, קאָראָ־טשעקראַק! (אָב).

**אסיא:** די זאַך פֿון דער סענטענס װאָס מען זאָגט און די זאַך פֿון דער סענטענס, פֿון װאָס מען זאָגט — גאַה, טרעף, װאָס זי מײנט... (פּרעסט די קרױשעװעס).

**טראכטענ'ג:** (פֿון זײן צימער) ע, אַסיאַ, פּוץ מיר אױס די שטיװעל!

**װלאדימיר:** (אױך פֿון דאָרט) יאָ, דעם פּאַפּאַ'ס שטיװעל און מײַנע שטיבלעטען אױך. (װאַרפֿט אַרײַן אַ פּאָאר שטיװעל, נאָכדעם אַ פּאָאר שטיבלעטען, מען הערט װי ער זינגט: „גאָטשי בעזאומניאַ").

**אסיא:** (נעהמט די שטיװעל) דאָס איז די זאַך, װאָס מען זאָגט דאָ און פֿון װאָס מען זאָגט (נעהמט װאַקס און בערשטלאַך און פּוצט).

**פרײדיג:** (פֿון איהר צימער) אַסיאַ, װאוהין האָסט דו פֿאַרװאָרפֿען די קלײדער בערשטיל?

**אסיא:** אַלע צו װאַרפֿען און מײַן קאָפּ איז שולדיג... אַלעס שפּאַרט זיי אַן מיט אַמאָל און אַ קעהר טהאָן זיך פֿון דאַנען אַהער, װײל קײנער ניט... שש!... (װינקט מיט אַן אױג) אונמיסטען מאַכען זיך ניט הערענדיג — און אַ

מינוט אַרום וועט מען שוין שרייען פאַר אַן אַנדער זאַך...
(אַסיע פוצט די שטיוועל, מאַרק קומט אויסגעפוצט מיט אַ בערשטיל אין האַנד, באַלד נאָך איהם עפענט קאַראלינע שטיל די טהיר).

מאַרק: עי דו רייניג מיר אָב די קליידער, עס זאָל אַפילו קיין שטויבעלע ניט זיין (זי נעהמט די באַרשט און רייניגט איהם די קליידער) אַז דו שטעהסט אַזוי נאָהענט ווילט זיך דיך אַרומנעהמען. (אומאַרמט זי, אַסיאַ רייסט זיך אויס).

אַסיאַ: אויב איך ווילט זיך מיר אַרומנעהמען — דאָס איז נאָך ווייניג אפשר ווילט זיך מיר, ניט פון איך אַרומגענומען צו ווערען?... פרעגט מיך אונמיסטען.

מאַרק: פרעגען? וואָס ביזטו אַ באַרישניאַ? ביזט ניט מעהר ווי אַ דיענסט און אַ דיענסט דאַרף ניט האָבען קיין גרויסען מויל... ווילסט עוויג בלייבען אַ דאָרפישער עזעל?...

קאַראלינאַ: וואָס איז דאָ? דו, שפּיעלע מיר צו די שטיבעלעטען (אַסיאַ שטעלט זיך אויף די קניע און שפּילעט) וואָס איז?

אַסיאַ: גאָר ניט, זיי זאָגען, אַז איך בין אַ דאָרפישער עזעל...

מאַרק: זיי זיינען צו ליבעראַל מיט איהר, דערפאַר איז זי אַזוי פרעך האָב איך ליעב דעם ליבעראַליזמוס... (אָב.)

קאַראלינע: וואָס איז דאָ געווען? זעה ווי זי קוועטשט מיר דעם שוך — דער רוח זאָל דיך נעהמען. (גיט זי אַ שטאַרקען קניפּ אין האַנד).

אַסיאַ: אַי! (רייבט מיט'ן האַנד וואו קאַראלינע האָט איהר אַ קניפּ געטהאָן) איך קוועטשט? קיינער ווייס ניט, וועמען דער שוך קוועטשט... אַי! עס בייסט... אָט זיינען די קרוזשעווען... גוט אויסגעפּרעסט?

קאַראלינאַ: ווי אונפערשעהמט די דאָזיגע פרויען זיינען? דאָס לערנען זיי אויס די מענער אַזוי צו זיין... פאַרגעס ניט אויספּרעסען נאָזיטיכלאַך, דו! (אָב.)

**אסיא:** דאס הײסט געגעבען א קניפ פון גאנצען הארצען...
חע! חע! א דאגה, אײגענע מענשען... נו, פאר וואס חאפט מען זיך פריהער? יא, נאז־טיכלאך (פרעסט) א מכּה וואלט די מומע טאלצע געקענט געבען אזא קניפ... נײן, אזוי קנײפען קען מען נאר, ווען מען לערנט גראמאטיקע... די זאך וואס מען זאגט און די זאך פון וואס מען זאגט... שא! א גאסט (טראכטענבערג קומט אין שעהנע טופליעס, אויסגעפוצט, די מעדאל אויפ'ן האלז).

**טראכטענבערג:** נאך ניט אויסגעפוצט מײנע שטיוועל? ע, איך זעה האסט א סך ארבײט.... איך האב ליעב זײן ליבעראל מיט דער דיענערשאפט... מײן פרינציפ איז: אלע מענשען זײנען מענשען... (נעהמט זײנע שטיוועל, די בארשט און פוצט).

**אסיא:** וואס ווילט איהר טהאן? די מאדאם..

**טראכטענבערג:** די דאמען טהוען זיך אן, יעצט איז ניטא קײן סכּנה (פוצט) הע! הע! מען זאל וויסען אין קאמער־טשעסקי קלוב, אז יולי דאווידאוויטש טראכטענבערג טהוט אזא ניעדריגע ארבײט. אבער דאס מאכט ניט... מענשליכקײט פריהער פון אלעם... פילאנטראפיע מיט קאמערציע איז אזוי ווי פינגער בפינגער (פוצט) אײן פארא־לעל.

**אסיא:** יא, מענשליכקײט, פון דעסטוועגען האט איהר דעם טאטען, נעבאך, ניט געגעבען קײן געלד.

**טראכטענבערג:** (פוצט די שטיוועל) א קאמערטשעסקער מענש גיט ניט קײן געלד אהן א פראקטישען חשבון... צום בײשפיעל, איך האב געגעבען געלד אויף בילדונג, האב איך א מעדאל... די וועלט ווײס... די גאזעטען שרײבען.

**אסיא:** (צײגט מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל)־נו, און אז ער... דארטען ווײס, איז ווייניג פאר אײך

**טראכטענבערג:** ווער? גאט? חא! חא! גאט איז נאר פאר ניט ציוויליזירטע מענשען

**אסיא:** אז איהר גלויבט ניט אין גאָט, ווארום זייט איהר יום־כפור געגאַנגען אין שול אַריין?

**טראכטענ'ג:** ביזט אַ נאַר, ערשטענס, יום כפור איז קיין קליינינקייט ניט, איך גלויב טאַקי אין גאָט, אָבער איין מאָל אין יאָהר, יאָ... צווייטענס, און וואָס פאַר אַ שול בין איך דען געגאַנגען, אין אַ בית המדרש? אין קאָהר שוהל!... און עס איז ניט נאַר פאַר גאָט, אַ קאָמער־משעסקער מענש דאַרף רעכנען מענשליבקייט אויך... דו ביזט אַ פּראָסטע מיידעל און קענסט ניט פערשטעהען אַזאַ גרויסען פּרינציפּ... דו זאָגסט, געלד... גלאַט אַזוי. געלד גיט מען ניט אָט דו זאָלסט ביי מיר בעטען געלד, וואָלט איך דיר געגעבען (פריידע קומט שטיל אריין, זיי בעמערקען איהר ניט).

**אסיא:** איהר זאָגט דאָך: גלאַט אַזוי געלד גיט מען ניט...

**טראכטענ'ג:** (ווים) נאַרעלגע, דיר יאָ... (אויפגערעגט) אַסיאַ, דיר יאָ — קיינער זאָל ניט וויסען.

**אסיא:** איהר זאָגט דאָך, אַז קאָסט שוין יאָ, זאָל די וועלט וויסען....

**פריידע:** פאַרוואָס ווילסטו דאָס איהר געלד געבען, חאַ? (ער דערשרעקט זיך) דו אַלטער בעל עבירה, הויבסט שוין וויעדער אָן? וואָס האַלסטו עפּעס די קאַץ אין האַנד? (זי קוקט זיך צו).

**טראכטענ'ג:** וואָסער קאַץ? דאָס איז דאָס בערשטיל...

**פריידע:** דאָס בערשטיל? (רייסט אויס די שטיוועל און דאָס בערשטיל און וואַרפט צו אַסיא'ן) דו ביזט קראַנק אויסצופוטצען די שטיוועל!... דו שמועסט דאָ, מערזאַוועקע! (גיט איהר אַ שטאַרקען פּאַטש. אסיי פארדעקט איהר געזיכט מיט'ן פאַרטוך און וויינט).

**טראכטענ'ג:** אין די דאָזיגע זאַכען איז ניטאָ אַזאַ פּאַראַלעל ווי אַ אידענע.

פריידא: יואל, עס איז דיר ניט דאשקע און ניט מאשקע, זי איז א אידיש קינד, א יתומה נעבאך, און פאר איהר וועל איך אייך ביידען די אויגען אויסרייסען!

טראכטענ׳ג: איך ווייס. דו עסט זיך אב דאס הארץ באלד. אבער איך שווער ד״ר ביי מיין עהרענוואר״ט, עס איז אקוראט ווי דיר ווייזט זיך אויס דאס בערשטיל פאר א קאץ... זאג בעסער, האסט דו גענומען היינט דיינע פילולען?... אקוראט ווי א קינד איז זי מיט איהר מעדי־צין, נאכדעם פיהלט זי זיך אזוי שוואך... איהר ועט זיך קלייבען מסתמא נאך דריי שעה... ווייבערשע פאראלעלען. איך וועל געהען דערווייליע ענדיגען מיין גאזעטע. (אב.

פריידע: אזוי פיעל צו פרעסען און זי שלאגט זיך דא קאפ אן וואנד. דו! מויד! וואס חניקעסטו דארט? (אסיא ווישט אוים מיט׳ן פארטוך איהרע אויגען און הערט אויף צו וויינען) וועה נור, ווי זי פעסטעט זיך, א בת יחידה ביי מיר. איך זאל דיך ניט לערנען און ניט אכטונג געבען, וואס וואלט פון דיר געווארען?

אסיא: יא, מומע, גיט אכטונג אויף מיר..! איך זאג אייך דען עפעס? (שטעלט זיך פרעסען).

פריידע: וואלסט געקענט אזוי גוט ארבייטען און טהון יעדעס פיצעלע, ווען ניט איך? (אב.)

אסיא: ניין, עס טהוט ניט וועה שטארק, אבער עס פערדריסט אזוי, אי! (פאלט צו צום טיש און וויינט. פלוצלונג הויבט זי אויף דעם קאפ מיט א היטרען קוק און צו לאכט זיך) חא! חא! איך האב זיך דערמאנט, וואס פאר א נאריש פנים דער אלטער האט געהאט... און די אויגען זיינע? א קוראט ווי ביי א בהמה, אז מען מעלקט זי. חא! חא! (פרעסט).

קאראלינע: (שרייט פון איהר צימער) מאמא וואוהין האסטו אהינ־געטהאן מיין דיאמאנטענעם בראש? איך דרעה זיך דעם קאפ זובענדיג. (מען הערט א קלאפעריי און א געשריי).

**אסיא:** (דערשראָקען) אָי! איך ווייס ניט פאַרוואָס, ביי מיר האָט
זיך אַזוי ווי אָבגעריסען אין האַרצען. (זי הערט זיך צו.
וולאַדימיר שפּיעלט ביי די פּיאַנאָ און זינגט: „נאָטשי בעזאומניא".
קאַראַלינע לויפט אריין אין א קלייד, דעקאָלטע, אטהעמט שווער).

**קאראָלינע:** זאָג נאָר, דו, האָסט ניט געזעהען מיין בראָש?
(זוכט) וועה, זי שטעהט זיך רוהיג! די הענד און די פּיס
האָט דיר אָבגענומען? קענסט ניט העלפען זוכען?

**אסיא:** זאָגט מיר, וואו איך זאָל זוכען, וועל איך זוכען.
(פרעסט פליסיג).

**קאראלינע:** זי איז קאַלטבלוטיג, עס איז איהר גרינג אָנ-
געקומען... (זוכט אין אלע ווינקעלאך, אָב. וולאדימיר זינגט).

**אסיא:** איהר איז שווער אָנגעקומען! הם, און ער זינגט —
ער מאַכט זיך האַרץ.

**פריידא:** (פון אנדער צימער) וואָס הייסט עפּעס ניטאָ? וואָס
איז דאָס, א שפּיעלעכיל?

**אסיא:** אָי! מיין מלאך המות געהט ווידער אַהער (פרעסט.
פריידע קומט און קוקט אויף אסיע'ן דורכפאָרשענד).

**פריידא:** (רוהיג) זאָג מיר נאָר, אַסיע, האָסטו ניט געזעהען
קאַראַלינע'ס בראָש? עס איז אַ דיאַמאַנטאַנער בראָש,
קאָסט 225 רובעל. עס איז קיין קלייניגקייט ניט... הו?
האָסטו געהערט אַביסעל, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.
(קאראלינא קומט). נו?

**קאראָלינע:** די שטוב איבערגעקעהרט — ניטאָ! דאָס איז
עפּעס אַ נייעס...

**פריידא:** חאַסיאַ, וואָס שווייגסטו? איך פרעג דאָך דיך. קוק
זי נאָר אָן... איהר פּנים געפעלט מיר ניט. האָסט ניט
געזעהען די בראָש?

**אסיא:** מומע, וואָס פרעגט איהר מיך? איך האָב דען וואָס צו
טהון מיט'ן ציערונג?

**פריידא:** עפּעס זעהסטו מיר אויס אַזוי משונהע...

קאראלינע: איך זאג איהר: ניטא די בראש, זי זאל זיך באטש א ריהר טהאן פון'ם ארט.

פריידא: (שטרענג) איך האב ערשט מיט א האלבע שטונדע צוריק געהאלטען די בראש אין מיינע הענד... איך האב אליין ארויסגענומען דעם גאנצען ציערונג, ווען מארק האט געזאגט, אז מיר געהען אין טהעאטער. הא? איך פערשטיי ניט דיין שווייגען. טראכטענבערג קומט, ביין).

טראכטענבערג: נו, ניטא? ווי איך בין א איד, א שעהנע פאראלעל! 225 רובעל בעצאהלט, סקאנדאל!...

פריידא: חאסיא, דא איז ניט געוועזען קיין פרעמדער!

טראכטענבערג: יעדער קאמערטשעסקער מענש וועט באלד פער־שטעהען, עס איז אן ארבייט פון אן אייגענעם.

פריידא: עס איז דאך ניט אריינגעפאלען אין דרערד... דו ווייסט ניט, דו? זי שווייגט, ווי געפעהלט איך איהר שווייגען?

טראכטענבערג: ווירקליך, וואס הייסט שווייגען?... ביזט טאקי א דיענסט־מיידעל אבער אפילו א דיענסט־מיידעל דארף אויך האבען פרינציפען... איך האב שטענדיג געזאגט: „א פרעמדע איז בעסער פון אן אייגענע.. אז זי איז דא אין שטוב מיט יעדען א מחותן!

פריידא: א נו, אקערשט גיט א קוק ביי איהר אין קאסטען, וואו איז דער שליסעל?

אסיא: עס איז ניט פערשלאסען. טראכטענבערג און קאראלינע עפענען דעם קאסטען און טרייסלען איבער פיעל מאלארוסישע קליידער).

פריידא: אליין פון זיך ווערט א זאך ניט פערפאלען. דא איז ניט געוועזען קיין אנדערער נאר דו ביזט געוועזען דארט! זאג בעסער דעם אמת, ווארום איך שווער דיר, איך וועל דיך ניט ארויסלאזען א לעבעדיגע פון מיינע הענד... דו ביזט מיר ניט קיין פרעמדע. א גנב? איך וועל

דערלאָזען מיין שוועסטער'ס אַ קינד זאָל ווערען אַ גנב?
איך וועל דיר בעסער דער'הרג'ענען!

טראכטענבערג: פריידא, מיט גוטען קען מען שטענדיג בעסער אויספיהרען... איך בין שטענדיג אַ גוטער... איאָ, אַסיאַ, איך בין אַ גוטער?

אסיא: יאָ, איהר זייט אַ גוטער.

טראכטענבערג: נו, גיב זשע אָפּ די בראָש.

אסיא: איך האָב ניט גענומען און איך וועל ניט אָבגעבען.

פריידא: ווער דען האָט גענומען, מערזאַווקע דו! ווער דען? דאָ זענען ניט געווען קיין פרעמדע (שטויסט זי און זוכט אין איהרע קעשענעס).

קאראלינע: אָי, מאַמאַ, הער, אפשר האָט זי דאָס אָבגעגעבען דעם טאַטען איהרען דעם שנאָרער? איך האָב זיך דערמאָהנט, ווען איך האָב פריהער געעפענט די טהיר, האָט זי זיך דערשראָקען און האָט עטוואָס בעהאַלטען... ניט אמת אפשר?

טראכטענבערג: די שלעפער זיינען שטענדיג אזוי; קענען זיי ניט אויסבעטלען, נעהמען זיי אַליין... אָט דאָס איז אַן איינגענע — אַ גאַנצער מחותן אין שטוב...

פריידא: מאָטיע דער קבצן? אויף אַ איזוואָשציק וואָלט מען איהם נאָך געקענט אָניאָגען, נור געה טרעף וואוהין ער איז געגאַנגען, אין נאָווע קאַדיאַן, פּולוויצע, אָדער מאַנדריקאָווקאַ?

אסיא: מאָטיע דער קבצן איז געגאַנגען קיין מאַנדריקאָווקאַ.

פריידא: (אין טהיר) מאַרק, זייט אזוי גוט, נעהמט באַלד אַ דראָזשקע... איהר וועט נאָך חאַפּען מאָטיען אין מאַנדריקאָווקע... די בראָש איז געווים ביי איהם... נעהמט מיט וולאַדימיר'ען.

וואלדימיר: (פון אַנדער צימער) אַ גוטיגע זאַך! איך וועל ניט פאָהרען. (זינגט: „נאָטשי בעזאומניא").

**פריידא:** (מאַכט צו די טהיר) דו זעהסט דאָך, מען וועט דעם טאַטען דײַנעם באַלד חאַפּען, זײַ זיך בעסער מודה, דערצעהל דעם אמת!

**אסיא:** מומע, איך זאָג אייך דעם אמת: איך האָב ניט וואָס מודה צו זײַן.

**פריידא:** דו דאַנקסט אָב שעהן, ניטאָ וואָס צו רעדען! מען האָט דיך אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע, געמאַכט פאַר אַ מענשען... און דו גנב'עסט אַ בראָש...

**אסיא:** מומע, איך האָב ניט גע'גנב'עט, נאָר אַז איהר ווילט מיר ניט גלויבען, קען איך זיך ניט העלפען...

**פריידא:** שאַ! ווייסט דו וואָס? איך וועל דיך ניט שלאָגען, וועל דיך ניט שעלטען... איך פערלאָז מיך אויף דיר... שווער און זאָל דײַן אונגליקליכע מוטער דאָרט זײַן איין עדות, אַז דו ווייסט ניט, וואו די בראָש איז, וועל איך דיר גלויבען...

**אסיא:** ניין, איך וועל ניט שווערען, אַז איך ווייס ניט.

**פריידא:** דו וועסט ניט שווערען, אַז דו ווייסט ניט, ווייסט דו דאָך יאָ!

**קאַראלינא:** זי ווייסט! איך זאָל אַזוי געזונד זײַן, זי ווייסט.

**טראַכטענג'ג:** דו ווייסט ניט, ווער טראַכטענבערג איז... איך שרײַב צווײַ ווערטער צום פּאָליציימייסטער, וועסט דו פערפוילט ווערען אין אָסטראָג... ווי! אויסגעלאַסען! ווי! פערדאָרבען! סקאַנדאַל!!

**פריידא:** ע! ווי באַלד אַזוי, וועט זי בײַ מיר באַלד רעדען! זי העט שוין קריגען לשון! מוסיו! נעהם אַקערשט דעם וועג! (שטויסט טראַכטענבערג'ן) זי וועט שוין דאָ רעדען בײַ מיר!

**טראַכטענג'ג:** (שטיל) חאָפּ נור ניט אַריבער די מאָס, פערגעס ניט, סאַנקעס נעשיכטע האָט געקאָסט אַ שעהנע פּאָאר

הונדערטער ... מען מעג זיך ערלויבען, אָבער מיט אַ
געוויסען פּרינציפּ.
פריידא: וואָס האָב איך מורא? זי איז מיר ניט קיין פרעמדע...
איך בין איהר אַנשטאַט אַ מוטער ... איך דאַרף זי לערנען
(פערשפּאַרט די טהיר) אַ גנב? ניט דערלעבען זאָל זי!
קאַראָלינע: אַסיע, זאָג בעסער באַלד דעם גאַנצען אמת!
פריידא: אָה! זי וועט מיר באַלד זאָגען דעם גאַנצען אמת!
רובעל אַ בּראָש! קום אַהער! וועסט באַלד רעדען
בּאַ מיר! (שלעפּט זי) צו בינדען זי פאַר איהרע אייגענע
פאַטלעם צום בעט, וועט זי רעדען! קאַראָלינע העלף מיר
אָה! אָה! וועסט קריגען לשון באַלד (פריידע מיט קאַראָלינען
שלעפּען זי צום בעט און בינדען איהרע האָר צו די אייזערנע
שטאַבעטען פון בעט.)
אַסיא: (ראנגעלט זיך) וואָס ווילט איהר טהון! אַי! עס טהוט
וועה...
פריידא: קאַראָלינע, האַלט זי פאַר ביידע הענד און לאָז ניט
אָב... אַהאַ! עס טהוט וועה! וואו איז די בּראָש?
אַסיא: אַי, מומע, עס רייסט מיר אויף דעם מח! איך האָב
ניט געגנב'עט! איך האָב אין מיין לעבען ניט גע'גנב'עט!
איך בעט אייך (פלוצלינג מיט צאָרן) בינד מיך אָב באַלד!
מיר רייסט דעם גאַנצען קאָפּ! בינדעט אָב!
פריידא: איך וועל דיך אָבבינדען — זאָג וואו די בּראָש איז.
אַסיא: איך וועל ניט זאָגען דאָס, וואָס איך דאַרף ניט זאָגען....
פריידא: דו הערסט? נו, וועסט דו שוין יאָ זאָגען! וועסט
באַלד זאָגען!
אַסיא: ניין! איך וועל ניט זאָגען.....
פריידא: נו, דאָס וועלען מיר זעהען!
אַסיא: יאָ, איהר וועט זעהען: אַז איך זאָג ניין, וועל איך
ניט זאָגען!
פריידע: (טאַפּעט מיט'ן פוס און שרייט) זאָג, וואו איז די בּראָש?

(אסיא שווייגט) וואו איז די בראַש? וואו איז די בראַש,
פרעג איך דיך!

אסיא: (זי שווייגט לאנג, פלוצלינג הויבט זי אן שרייען אין פער־
צווייפלונג) מאמע! מאמע! געוואלד! מיין קאָפּ! מענשען!
קאַראַול! (פריידע און קאַראָלינא דערשרעקען זיך.)

וולאדימיר: (קלאפט אין טיהר) וואָס טהוט איהר דאָרט? עפענט
באלד! מאמע, עפען... אָדער איך ברעך אוים די טיער...
עפענט! (קלאפט שטארק) איהר זייט דאָרט משוגע געוואָרען!

טראַבטענג: (בא דער טיער) נו, גענוג דאַרטען! ווילסט א
סקאַנדאַל אויף גאַנץ קאַטערינאָסלאַוו?

וולאדימיר: (קלאפט) מאמע, דו וועסט געהן דערפאר אין
סיביר, אין ארעסטאַנטסקי ראָטעס.

פריידא: עפען די טיער, קאַראָלינע (קאַראָלינע עפענט די טיער,
זי בינדעט אָב אסיען) אומעדום מישט ער זיך, דער תכשיט
מיינער! (קוים זי אטהעמט, אסיע וויינט שטיל) שאַרלאַטאַן!

וולאדימיר: דו ווייסט, וואָס דיר קומט פאר אזא מוסר זאָגען?

פריידא: אוי! איך אליין דאַרף אלעס איבערטראָגען!... עס
איז א שטוב.... איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען... אוי!
אוי! (פאלט אויף א בענקיל און שרייט היסטעריש.)

טראַבטענג: פריידא, גאָט איז מיט דיר... כדאי איבער אזא
אונווירדיגעס מעדכען... וואו זיינען איהרע פּילוּלען?
(פיהרט זי) באלד נעהמט זיך צום הארצען....

קאַראַלינא: איבער אזא... דאַרף די מאמא נעבאך ליידען.
(זי און טראַבטענג פיהרען ארוים פריידען.)

וולאדימיר: (געהט אום און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ) אוי! דער
רוח זאָל מיך נעמען! נו, גוט, זיי א חכם און טרעף
פריער, וואָס שפּעטער וועט זיין. (בעטראַכט אסיען מיט
מיטלייד) אסיא, זיי האָבען דיר זעהר וועה געטהון?
(נעמט איהרע לאַנגע צעפּ אין די הענד, צאַרט...) אסיא
מיך פערדריסט אזוי, איך קען עס ניט אויסדריקען...

אַסיאַ! אָי! (טראָגט איהרע האָר צו זײַנע ליפּען און װײנט.)

**אסיא:** אַז איך פערדריסט, איז מיר אַזוי גוט. (ווישט איהרע טרערען).

**וולאדימיר:** זײַ כּעגען זאָגען, וואָס זײַ ווילען, איך וועל אויף דיר קײן מאָל ניט גלויבען קײן שלעכטס.

**אסיא:** (לאכט) נײן? חאַ! חאַ! זײַט איהר אַ גיטער... אָי! האָבען זײַ מיר אָנגערבען דעם קאָפּ... ע! אייגענע מענשען... זײַ מײנען דאָך מײַן טובה, איאָ?

**וולאדימיר:** איך קען שווערען, דו זאָלסט ווייסען, וואו די בראָשקע איז, וואָלסט דו באַלד געזאָגט...

**אסיא:** אַזוי? איך זאָל ווײסען, וואָלט איך באַלד גענומען און אויס־געזאָגט? זעהט איהר דאָס האָט איהר דוקה אַ טעות... אָט איז די בראָש אינ'ם אַש. (שלעפּט ארויס די בראָש) נאַט! נעמט עס בעסער צו. (קראצט דעם קאָפּ) ס'אָי! היינט איז מיר דער קאָפּ אויך צונויף געקומען... אַזוי האָב איך ניט געוואוסט, נאָך וואָס דאַרף איך אַ קאָפּ... אָי! ס'אָי!...

(וולאדימיר בלײַבט איבערראשט).

**וולאדימיר:** זײַ געבען מיר קײַ מאָל ניט קײן געלד, וויפיעל איך דאַרף... קײן גראָשען באַ דער נשמה. נו, האָב איך... אָי, אַסיאַ, דו האָסט געוואוסט, האָסט געליטען און גע־שוויגען! אַסיאַ! אַסיאַ! (פויזע).

**אסיא:** חאַ! חאַ! חאַ! אָי! נאַר, וועלווילע, אלואי גנב'עסט דו אַ בראָש אַלע טאָג! (א געוויש, מרדכי, נאָך איהם מארק מיט זײַן פּאַק זאכען)

**מרדכי:** מאָלדײַך איך זאָל האָבען מײַן פּאַספּאָרט, וואָלט איך גלערנט בלק דערפאַר... מיך נעמט מען ניט, ווערליג וואָס...

**מארק:** איהר זעהט, איך האָב איהם געפּאַקט און געבראַכט. איך דיזב איהם געטאַסקעט ווי דער רוח דעם מלמד. וואו זײַנען זײַ?

וולאדימיר: איך שיק זיי שוין אריין. (אָב).

מרדכי: איך וועל דאָרטען אָנוועָרען די פוהרען... וואָס איז דאָס פאַר אַ צוטשעפּעניס, חאַסיע, דו ווייסט ניט? אָי-דלות, דלות.

אסיא: ווייסט ניט וואָס דאָס איז? רייכע מענשען טראָגען דאָס און די קבצנים קרענקען דאָס אוים... עס רופט זיך ציהרונג... (פריידע קומט, איהר קאָפּ פערבונדען מיט אַ ווייסען האנטוך, נאָך איהר קאראלינע און וולאדימיר.)

מארק: ער איז דאָ מיט די זאַכען... קאָרפּוס דעליקטי... דאָס וועט זיין מיין ערשטע קרימינאַלע פּראַקטיקע.

פריידא: אַהאַ, מאַטיע, ביזט דאָ? זאָג מיר נאָר, האָט דיר דיין חאַסיע קיינע זאַכען געגעבען? דעם אמת, נאָר דעם אמת!

מרדכי: (ערשראָקען) זאַכען?... הם... מאָלדיינך אויסער די פּאָאר פליודערן מיט דער ספּאָדניצע, וואָס דו האָסט מיר געגעבען... חאַסיע, איך מוז זאָגען דעם אמת... איך וויל ניט לייקענען... דאָ וועט איהר עס געפינען... בּאַ מיר איז דאָרטען אַלעס אין גאַנצען (צייגט אויפ'ן פּאַק זאַכען, אַלע טריאומפירען.)

פריידא: זעהסט? איך האָב פריער געוואוסט, מאַטיע וועט זיך בּאַלד מודה זיין (זי זוכט אין די זאַכען.)

קאראלינע: אַז איך האָב אַליין מיט מיינע אויגען געזעהען...

מארק: אַז איך האָב איהם געבּראַכט מיט אַלע זאַכען צוריק, אַ ברירה האָט ער.

מרדכי: אמת, איך וועל חלילה ניט אָפּלייקענען... עס איז דאָ! עס איז דאָ! סאַמקעלעס פּלאָטקעלע איז דאָ, יאָ דאָ...

פריידא: (בייזו) פלאָטקעלע, שמאָטקעלע! וואו איז די בראָש?

מרדכי: האַ?! ווערליג וואָס איז דאָס? (טראַכטענדיג שרייט פון זיין צימער; די בראָש! „די בראָש! די בראָש!" לויפט אַריין.)

טראבטענבערג: וואס זאגט איהר אויף אזא אקאזיע? די בראש ביי מיר אויפ'ן טיש אונטער א צייטונג... עס איז פונקט ווי מען לייענט א קארעספאנדענציע אין גאזעטען.

קאראלינא: דאס האט מען ערשט אינטערגעווארפען, אזא געמיינהייט!

מארק: אז זי איז דא, האט זי דאך ניט געקענט אונטערווארפען דארטען, דאס איז איהר א ליבי היינט אז ניט זי, איז איין אנדערער, ווער איז דער אנדערער?

פריידא: (גיט א קוק בייז אויף וולאדימיר'ן) אה, איך ווייס שוין! איך האב עס אליין אוועקגעלעגט און האב פערגעסען (שטיל צו וולאדימיר'ן) האר אויס, שארלאטאן! (לויט) א קאפ! האב פערגעסען און האב חושד געווען, אז מע האט עס גע'גנב'עט...

מארק: אויב אזוי, איז אויס מיט מיין פראקטיקע.

מרדכי: וואס? ווערליג איך זעה, האט מען מיך חושד געווען אין גנבה? אי, פע! איך האב יסורים דערפון...

טראבטענבערג: עס מאכט זיך... אבער, מרדכי פארגעס ניט, דער ערשטער פרינציפ דארף זיין מענשליכקייט...

פריידא: און מיר האט זיך אויסגעוויזען... נו, אסיע, דו וועסט שוין האבען בא מיר א שיינעם פרעזענט... דו וועסט זעהען.

אסיא: (פריילאך) א פרעזענט אויך? היינט וואס פעהלט מיר? אי, צו זיינען דערווייליע מיינע פרעסלאך ניט פערקיהלט געווארען (לויפט צום אויווען, חאפט א פרעסיל און זינגט שטי=פענדיג: א זא טאהא פעטרוסיא, בילא מענע מאטוסיא, אי ליבא ני פעטרוס, בעלא ליצי, טשארני אוס. זי ווינקט צו וולאדימיר'ן. אלע לאכען.)

פריידא: עס איז א מציאה'על ניט קיין מיידיל (וולאדימיר קוקט אויף איהר ענטציקט.

אסיא: חאַ! חאַ! חאַ! איך האָב זיך דערמאָנט, ווען דער טאַטע האָט מיך אהער געבראַכט, ווי אַזוי איך בין געלאָפען נאָך איהם און געשריען: טאַטע! נעם מיך אַהיים! איך וויל דאָ ניט בלייבען! זיי געפעלען מיר ניט! איך האָב מורא פאַר זיי! איך בין דאַמאָלס געווען ניט קיין שטודירטע, איצט לויף איך ניט נאָך'ן טאַטען.... איך האָב ניט מורא דאָ בלייבען און אַלע געפעלען מיר. די מומע לערנט מיך, איך זאָל זיין אַ מענש... קאַראָלינע לערנט מיך די זאַך וואָס מע זאָגט און פון וואָס מע זאָגט.. דער פעטער האָט אַ פּרינציפּ, איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, אָבער עס איז מסתמא ניט קיין שלעכטע זאַך חלילה... איינענע מענשען! אַי! נאָר אַמאָל טהוט פון זיי וועה דער קאָפּ אַ ביסעל... (צום פאָטער) דו, פעלדגזלן פון קאַראַטשיקראַק, וואָס שטייסט דו אַזוי? (קרומט איהם) מאַלדייך ווערדליג איך זעה, איז מען מיך חושד אין אַ גנבה, אַי! פע! איך האָב יסורים דערפון... איך וועל ניט לייקענען, סאָסקעלע פּלאָטקעלע... (אַלע לאַכען — קרומט פרייִדען) פלאָטקעלע, שמאָטקעלע, וואו איז די בראָש? (אַלע לאַכען. קרומט טראַכטענ'גן) די בראָש איז מיט אַ פאַראַלעל אויף מיין טיש אונטער אַ גאַזעטע... חאַ! חאַ! חאַ! אַי! דלות! דלות! (אַלע לאַכען פריילוך, זאָגאַר מרדכי צוקט מיט די פלייצעס, צייגט אויף איהר מיט'ן האַנד און לאַכט.)

## פאָרהאַנג פאַלט.

# דריטער אקט.

(טראכטענבערג'ס זאאל ווי אין ערשטען אקט, צוגעקומען פיעל בלומען אין טעפ. אויף'ן טיש ברענט א לאמפ. וולאדימיר ליעגט אויף א סאפע און זינגט „נאטשי בעזאומניא", שפעטער קומט אסיא געקליידעט אין אשעהנען מאלארוסישען קאסטיום, אין די האאר פערפלאכטען לענטעס. זי בלייבט שטעהען פערשעהמט. וולאדימיר בעמערקט זי ניט).

וולאדימיר: ע', אסיא, וואו ביזטו? קוקו! קוקו!

אסיא: אט בין איך דא... אי! איך שעהם זיך דיר קוקען אין די אויגען...

וולאדימיר: זעה נאר. זי האט זיך איבערגעטהאן ווי א חאחלוּשיצקע... אי, שעהן! קום נאר אהער צו מיר...

אסיא: (שטיל און פארשעהמט) געה, געה, גענוג. (זעצט זיך צו דער פיאנא) אי, איך זאל איצט קענען שפיעלען... (קלאפט לאנגזאם אויף א באס קלאווישע) באם! באם! אזוי ווי דער קלאנג פון א גלאק... אין דארף אויף'ן פרייען לופט אז א גלאק קלינגט איז אמאל ווייזט זיך אוים, דער גלאק רופט ערגעץ וויים, וויים, אמאל ווי ער דערצעהלט, וואס האט זיך געטראפען שוין זעהר לאנג... אמאל זינגט ער מיט פרייד, אמאל ווי ער בעוויינט, וואס אימיצער איז געשטארבען... באם! באם! וואס דערצעהלט עס איצט?

וולאדימיר: אמאל ווי עס רופט, אמאל ווי עס ערציילט... ווי אזוי קומט דיר דאס אין זינען איך קען ניט אויסטראכטען אזעלכע זאכען, כאטש צופלעט מיר דעם קאפ...

**אסיא:** (פערשעהמט) דערפאר קענסטו אויסטראכטען אנדערע זאכען...

**וולאדימיר:** (זעצט זיך לעבען איהר) אי, ביזטו א טהייערע... און אנדערע אויף דיין ארט, וואלט איצט גע'טענה'ט, אדער געוויינט און דו — גארניט.

**אסיא:** די וואס האבען מורא פאר צרות, טענה'ען, אזעלכע ווי איך שווייגען... דערציייל מיר בעסער, ווי אזוי איז דיר איינגעפאלען אומקעהרען זיך פון טהעאטער...

**וולאדימיר:** ערשטענס, זיינען אלע געוועזען זעהר זויערע און די מאמע האט מיר געזאגט מוסר... זי וועט מיך איצט עסען ביז'ן טוידט... אי, אסיא, אויף דער וועלט איז ניטא קיין ערגערע זאך פון מוסר... דער עיקר אבער, עס האט מיך צו שטארק געצויגען אהער צו דיר... איך האב אבגעשטעלט די קארעטע און געזאגט: איך וויל ניט אין טהעאטער, איך בין ברוגז... איך בין אזוי געלאפען אהיים, אז איך האב שיער ניט אראבגעווארפען פון טראטואר א פרוי מיט א קינד.

**אסיא:** הם! פלוצלונג בין איך דיר אזוי געפעלען געווארען און פריהער האסטו מיך ניט געוואלט בעמערקען אפילו. וואס־זשע איך בין ניט גענוג שעהן פאר דיר?

**וולאדימיר:** נאר, ביזט שעהנער און אפעטיטליכער פון אלע אונזערע איידעלגעפאטשקעטע באַרישניעס... איך האב דיך ניט געקענט פערגלייכען צו אנדערע דיענסטען... גלאט אזוי — איז געוועזען א רחמנות, און פערליעבען זיך, האב איך גערעכענט, איז ניט כדאי... און דו ווייסט, איך האב אביסעל מורא געהאט פאר דיר... האסט זיך מיר אויסגעוויעזען פאר צו א קלוגען גנב און איך האב מורא געהאט. וועסט מיר זאגען מוסר, אבער שעהנדהייט? הע! איך בין שוין אמאל געוועזען פערליעבט אין א געשטו־פעלטע באריסטקע פון דער אפערעטע... חא! חא! דו

וויסט, זי איז געוועזן אזוי פערליעבט אין מיר, אז זי האט זיך גע'סם'ט. ווען איך האב זי אוועקגעווארפען...
זי האט גענומען פון א סך סירניקלאך דעם פאספאר מיט דער סירקע, האט צופיהרט אין וואסער און אויס-געזופט.

**אסיא:** (מעהר ערשראָקען) זי איז געשטארבען?

**וולאדימיר:** שא! שרעק זיך ניט! זי איז ניט געשטארבען, זי האט גענומען צו וועניג סירניקלאך...

**אסיא:** פון סירניקלאך קען מען שטארבען און איך האב דיזם גאר ניט געוואוסט (פערטראכט זיך).

**וולאדימיר:** אי! ווען דו האסט היינט א קוק געטהאן אויף מיר מיט דיינע פערוויינטע אויגען און האסט געזאגט: „אז איך פערדריסט, איז מיר גוט..." אי! אי: אי! (אומארמט זי לייךענשאפטליך און דריקט זי צו זיך).

**אסיא:** אי, עס איז אזוי גוט, אז אימיצער האט דיך ליעב...
איך וואלט נאר געוואלט וויסען, ווי לאנג קען מען אזוי גוט פיהלען און אויב עס איז דא אזעלכע גליקליכע, וואס פיהלען שטענדיג, א גאנץ לעבען אזוי?

**וולאדימיר:** אסיא, זאג דעם אמת, פון ווען אן געפעהל איך דיר?

**אסיא:** נאך אין דארף פלעג איך טראכטען פון דיר... און אז איך בין געפאהרען אהער, איך וויים ניט פארוואס, איך פלעג פארציטערט ווערען, אז מען פלעגט דערמאהנען דיין נאמען... איך האב אבער באלד פערשטאנען, וואס פאר א צרה דו ביזט און האב זיך געגעבען אווארט, היטען זיך פאר דיר, ווי פאר'ן מלאך המות... איך האב אלץ ערווארטעט וועסט צו מיר שדכנ'ען זיך, ווי די אנדערע חורים קריכען, און דו גאר ניט — האב איך אנגעהויבען ווארטען, נאכדעם האט עס מיך פערדראסען, נאכדעם האב איך עטליכע מאל אין דער שטיל גע-

ווײַנט... יאָ! געוויינט, וואָס איך בין אַזאַ אונגליקליכע, אַז דאַמאָלס ווען איך וויל שוין יאָ דאָס אונגליק זאָל צו מיר קריכען איז דוקא ניט... נו... (פערשעהמט) ענדליך איז דאָס אונגליק געקומען צוקריכען און איך בין אַ גליקליכע, אַיאָ? חאַ! חאַ! חאַ!

וולאדימיר: איך האָב געהאַט אַ גרויסע פראַקטיקע אין די זאַכען און איך פערשטעה דאָס... אַסיאַ, דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען? נו מיר נעהמען אויף מײַן וואָרט און טאַקי אויף צו אַן אמת חתונה האָבען. די מאַמע וויל מיר זאָגען מוסר, וועל איך איהר זאָגען מזל טוב. זיי מיינען, איך בין אַ גאָרניט, וועל איך דוקא זיי אויף צו להכעיס נעהמען אַן אָרעמע יתומה... אַסיאַ, נאָמיר פּרובען אונטיסטען, וואָס האַרט דיך?

אַסיאַ: אונטיסטען? נו, וואָס קען עס מיך האַרען! חאַ חאַ! דו פּיהלסט איצט יום טוב'דיג, זאָגסטו „גוט יום טוב... איך אָבער דאַרף ניט פערגעסען, אַז באַלד קומט דער „אין דער וואָכען"... זעהסט, ווען ניט איך וואָלט בײַ אייך אין שטוב געוועען אַזוי פיעל בלומען? (זי געהט צו די בלומען, ער זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ און מוזיצירט שטיל. אסיא צושטעלט אלע בלומען אין צוויי רייהען אין מיטען שטוב. נעהמט פון קאָפּ א ווייסע לענטע און לעגט צווישען די טעפּ, דאן נעהמט זי א קרעסלע און קעהרט אום לעבען די בלומען).

וולאדימיר: (קערט זיך אום) אָי, אַסיאַ, וואָס וועט דאָס זײַן?...

אַסיאַ: מיר איז יעצט אַזוי גוט און איך וויל זײַן אַביסעל אין דאָרף... זעהסט, דאָס איז דער טײַך (ציינגט אויף דער לענטע) און דאָס זײַנען די בוימער פון ביידע זײַטען. (ציינגט אויף די בלומען) און דאָס איז אַ הויבער שטײַן לעבען טײַך, (ציינגט אויף דער קרעסלע) און מיר ביידע וועלען זיצען בײַם טײַך אונטער אַ בוים און מיר וועלען שטיל רעדען... האַר אוים, איך וועל קלענער מאַכען דעם לאָמפּ, און

אונז וועט שיינען די לבנה (לויט אראב די לאמפע און עפענט א פענסטער) קום צו מיר. יעץ וועצט זיך לעבען איהר) זיץ און שווייג. (זיצען ביידע שטיל. פויזע. די לבנה שיינט אריין אין פענסטער. און דאן הערט זיך וויט, גאנץ וויט א כאר זינגט: „ניע ליודימא נאשע מאריע". זיי בלייבען שטיל ביז דער כאר ענדיגט).

אסיא: אי, עס איז שעהן... ווער זינגט דאס?

וולאדימיר: א קאמפאניע געוויס ביי'ם דניעפר, אפשר אין א שיפעל. (פויזע)

אסיא: אז איך וויל, מאך איך צו די אויגען און זעה א גרויס וואסער און אויף'ן וואסער א שיף... ווען איך זעה, ווי א שיף שווימט וויט וויט און געהט א וועק, הויבט מיר אן וועה טהון דאס הארץ און איך טראכט: וואוהין געהט זי און וועמען פיהרט זי?

וולאדימיר: און אז איך זעה א שיף, טראכט איך, עס זאל זיין געלד, וואלט איך גענומען א בילעט ערשטע קלאסע און וואלט אין בופעט געהייסען...

אסיא: אי, ווי שעהמסטו זיך ניט, איצט טראכטען פון אזעלכע זאכען?

וולאדימיר: און דו וואלסט אויך געוועזען מיט מיר אויף'ן שיף. נאכדעם וואלטען מיר אראבגעגאנגען אין קאיוטע...

אסיא: פע! מיר טהוט זעהר וועה דאס הארץ, וואס דו קענסט איצט ניט פיהלען אזוי ווי איך. שא! מיר וועלען זיטצען אט אזוי ביים טייך און שווייגען ביז עס וועט ווערען טאג... גאנץ פריה וועלען די פויגעלאך אנהויבע זינגען צווישען די בוימער... עס איז נאך דא א סך פויגעלאך, דער ווינטער איז נאך וויט... א יא די פויגעלאך איז גוט? זיי האבען קיינע דיענסטען און קיינע בוסעס... און אז זיי האבען זיך ליעב, שרעקען זיי זיך ניט, וואס שפעטער וועט זיין. שש! רעד ניט... נעהם

מיך אַרום, זיץ און שווייג!... חאַ! חאַ! איך האָב זיך דערמאָנט: דאָס פויגעלע ווייסט ניט — די זאַך וואָס מע זאָגט און די זאַך פון וואָס מע זאָגט... דו קענסט עפּעס גראַמאַטיק?

וולאַדימיר: אַזוי פיעל, וויפיעל דו האָסט געקענט, בעפאָר נאָך דו האָסט אָנגעהויבען צו שטודירען.

אסיא: ניט מעהר? ניט קיין סך... ניט אומזיסט רופט דיך די מומע: למדן און תכשיט. ווי באַלד עס איז שוין יאָ אַזוי, נעם מיך אַרום און זיץ שטיל.

וולאַדימיר: אָה, די דאָזיגע גראַמאַטיקע קען איך גוט (נעמט זי אַרום).

אסיא: (ווידער ערנסט) אַי, ווען איצט זאָל זיך אָבשטעלען דער זייגער און הײנט חאָטש, נאָר הײנט זאָל די צייט ניט לויפען... נאָכדעם אז עס וועט זיך צוריק אָנהויבען מיין לאַנגעס לעבען מיט צרות, זאָל איך כאָטש האָבען וואָס צו דערמאָנען... שש! רעד ניט (ווידער דער באַר נאָך וועטער. פלוצלינג אַ שוואַכער קלונג ביי דער פאַראַדנער טיער, ביידע חאַפּען זיך אויף ערשראָקענע.) זעהסט? שוין... העלף מיר אויפרוימען (טראָגט צוריק די בלומען) עס איז עפּיס געווען אַ מאַגערער קלונג... (לויפט אום און רוימט).

וולאַדימיר: (העלפט איהר) עפּיס אַזוי פריה הײנט.. עס איז ערשט עלעף (אַ שטאַרקער קלונג) זיי!

אסיא: געה עפען די טיער (וולאַדימיר אָב) די בוימער צוריק אַהער (שטעלט די בלומען) דער שטיין אויף זיין אָרט, צונעהמען דעם טייך! (שלעפּט די קרעסלאַ) איצט גרעסער מאַכען דאָס פייער (וויל מאַכען גרעסער און פאַרלעשט די לאָמפּע. עס ווערט גאַנץ דונקעל) אָט האָסט דו דיר... פערלאָשען אין גאַנצען... דאָ זיינען ערגיץ געווען סירניקלאַך (זוכט) הם, איך האָב ניט געוואוסט, אז מיט

סירניקלאך קען מען זיך סמן, (זוכט) ווער איז מיר
וולאדימיר קומט נאך איהם. מרדכי מיט'ן פאק, אסיא זעהט ניט.)

**וולאדימיר:** (צו מרדכי'ן) שש! וואס איז דא פינסטער גאר?... געקומען!

**אסיא:** וואס זאגט איהר פארט... אומגערן האט זיך די לאמפ פערלאשען... אפשר האט איהר א סירניקעל, וולאדימיר? (לויט) איך קען ניט געפינען די סירניקלאך... אלעס פאלט פון די הענד פון שרעק. (וולאדימיר רייבט אויס א סירניקעל און צינדט אן די לאמפ, אסיא דערזעהט דעם פאטער) דו גאר? אי, דלות, דלות, האסט מיך דערשראקען אויף טויט. מאלדייך ווי קומסט דו צוריק? חא! חא! חא!

**מרדכי:** לאכסט חא? און בא מיר זיינען די פיס געשוואלען און געדראלען... אז ווערליג זיי האבען מיך גערעכענט פאר א גנב, האבען זיי מיך געפיהרט אויף א דראשקע,— אויס גנב — גערה צו פוס... א שעהנער מהלך מאנדרויען ביז מאנדריקאווקע... איך קום צו גיין די פאדוואדעס שוין ניטא... נו, נו, איז ווערליג יעקב אבינו, ויצא די פיס אויף דער פלייצע און צוריק... און דא נאך א שטיוועל אויסגעקרומט און עס רייבט פונקט אין קנעכיל... אט האסט דו דיר, ווי דיין טאטע זאגט: א מענש דארף האבען א פרישציק.. ס'אי, אי! (האפט זיך ביים פוס).

**וולאדימיר:** דארף האבען א פרינציפ, מיינט איהר (ער און אסיא לאכען).

**מרדכי:** נו, יא! ווערליג איך זעה, איז די „פארמעליע" של מעלה ניטא אין דער היים? אי, מיינע פיס... אט האסט דו דיר א פערד, א גליעזער, די פוהרען אנגעוואָרען, טאלצע וועט משוגע ווערען און וועט זיין גערעכט... אי! דלות, דלות...

**אסיא:** קום, טאטע, אין קיך אריין, וועסט דו זיך דארטען אברוהען...

**וולאדימיר:** אין קיך גאר? ניין, ברודער מיר זיינען היינט געסט אין זאאל. ר' מרדכי, איך טהוען וועה די פיס, אראפ די שטיוועל (שלעפט פון איהם די שטיוועל אזוי האסטיג אז ער קערט איהם, שיער ניט איבער). וואו זיינען מוסיו טראכטענבערגס שטעקשיך מיט דער פאראלעל? (ברענגט דעם פאטערס טופליעס) איהר טהוט אן! איך וויל דא היינט אלעם איבערקעהרען קאפויר מיט די פיס. ר' מרדכי, עס איז בעשלאסען — איך האב חתונה (מרדכי טהוט אן די טופליעס.)

**אסיא:** טאטע, ער וועט ניט חתונה האבען, און דיר גיב איך אויך דיזעלבע עצה: קריך ניט מיט א קבצנישע פוס אין א נגידישען פאנטאפעל...

**מרדכי:** מאלדיך, וועלוויל, דיר זאל אזוי אנרייבען א שטיוועל וואלסט דו ניט געטראכט פון חתונה האבען. אי, געוואלד וואס א נגיד פערגינט זיך! די פיס ווערליג אין קאלטע סמעטענע, ווי אזוי רופט ער די פאנטאפעל, שטיק שעך? און וואס רופט ער די פאראלעל?

**אסיא:** אה! פאפא, זי ווינשען שוין אויך צו שטודירען? חא! חא! (רעדט דייטש און שטיפט).

**וולאדימיר:** די שיך רופען זיך ניט שטיק שעך, שטעק שיך און פאראלעל איז... ע... איך מיין דער פאפא אליין ווייסט אויך ניט, וואס דאס איז. הארט אוים, איך מאך דא באלד א אילומינאציע... אנצינדען אלע קאנדיליאברען, צו להכעים איז צו להכעים! (צינדט אן אלע ליכט.)

**אסיא:** דו ווילסט זיי טהון אויף צו להכעים, ווייל דו פיהלסט זיך געגען זיי שולדיג... אבער, וולאדימיר, פארגעס ניט, דו וועסט זיך שפיעלען אין צו להכעים און צו מיין ועלען אויסגיין אלע צרות.

**וולאדימיר:** זאָל איך קרעפּירען! ר' מרדכי, אַלעמען אויף צו להכעים... האָב איך חתונה.

**מרדכי:** וואס דען, דער יצר הרע האָט דיר אַזוי פיעל געטהון אויף צו להכעים האָב חתונה און טהו דעם יצר הרע אויף צו להכעים... אַזוי גרינג אויף די פיס — עס ווילט זיך בריקעווען...

**וולאדימיר:** וואס מיינט איהר, אסיע וועט אפשר זיין א שלעכט ווייבעל?

**מרדכי:** יאָ, טאַקי, חאַסיע, איך האָב נאָך פון פריער אָן אין מיין מויל ניט געהאַט... וואס מיינסט דו מכח א קאַי? זיי האָבען דאָך מסתמא אַ וועטשערע! האַ?

**אסיא:** עס איז דאָ אַ קאַלטע עוף, עס איז אָבער פערשלאָסען אין בופעט... קום אין קיך אריין, איך וועל זעהען.

**וולאדימיר:** פעטער מאַטיע, איהר ווילט קייען? איך ברעך אויף דעם בופעט... דאָרט איז דאָ גוטע זאכען מיט משקות... הייַנט קומט אונז — איך האָב חתונה... מאַמאַ, גיסט מיר מוסר, נאַ דיר אַ חתונה (אָב.)

**אסיא:** טאַטע, מע דאַרף ניט... לאָז איהם ניט... עס האָט זיך שוין אַזוי אויך געַנוג הייַנט דאָ אין שטוב אָבגעטהון... (פאַרדעקט איהר געזיכט) זעהר געַנוג! זעהר געַנוג...

**מרדכי:** וואס איז דאס געווען? זאָל איך קרענקען אויב איך פערשטיי די גאַנצע מעשה... אַנגעוואוירען די פוהרען... איך וועל שוין האָבען פון טאָלצען. דלות מיינער.

**אסיא:** אֵי. ווּעה איז מיר, ער ברעכט טאַקי דעם בופעט!

(מע הערט ווי וולאַדימיר ברעכט דעם בופעט).

**מרדכי:** וואס הארט דיך? ווערליג דעם נגידס בן יחיד, זאל ער זיך ברעכען דעם קאָפּ אַפילו, ער מאַכט שפּאַס.

**אסיא:** אֵי! זיין שפּאַס האָט זיך אַנגעהויבען מיט טרערען און וועט זיך ענדיגען מיט טרערען, איך ווייס שוין. (אָב).

מרדכי: אַ גנב גאַר? מאַלדײַך איך זאָל זײַן בײַ זיך אַבּיסעל מעהר תקיף, וואָלט איך פאַר אַזאַך... אײַ! מיר קלעמט זעהר דאָס האַרץ... אָנגעריבּען די פּוס פּונקט אויף דער שציקאַלקע און טאָלצע ווערט מיך לעגען אין דרערד אַרײַן.

(וולאַדימיר קומט מיט אַ פּאַדנאָס, פערשיעדענע פלעשער, אַ גראַפין, קיכלאַך, אַ הוהן, גלעזלאַך.)

וואלדימיר: איהר זעהט? פּאַפּאַווקע, ווישניאַווקע, דאָפּפּעל קימעל, חתונה איז חתונה!

מרדכי: נו, יאָ, חתונה טאַקי... גוטע משקה האַ? אײַ! די פאָדוואָדעס אַוועקגעגאַנגען, אַזעלכע יסורים... עס חלש'ט דאָס האַרץ...

וולאדימיר: (גיסט אָן די גלעזלאַך) נו, ר' מאָטיע, לחיים! (בײַדע טרינקען) איהר נעמט פּשוט אַ פולקע און עסט אָהן צערעמאָניע, נאָר מיט אַ קיבעל... פאַר פרעמדע מענשען בין איך כּלומר'שט אַגאַנצער טראַכטענבערג, ווײַל זײַ ווילען איך זאָל נעמען אַ רײַכע כּלה און ווערען אַ בעל בית, נעם איך אויף צו להכעיס און האָב חתונה מיט אײַער אַסיען, (מרדכי הערט ניט, עסט) אַסיאַ! זי ווײַנט דאָרטען, דער נאַר... איך געה און וואַרף איהר אַרײַן אַ טוץ קושען... זי איז אַ טײַערע. (אָב.)

מרדכי: (שמעקט אַ פלעשעל) עס שמעקט מיט יי"ש, איז דאָס וועדליג געוויס ניט קײַן יין נסך (גיסט זיך אָן שנעל אַ גרויסע גלאָז און שלינגט אַראָפּ, עס פערחאַפּט איהם דעם אָטהעם. וולאַדימיר קומט צוריק.)

וולאדימיר: פעטער מרדכי, רופט איהר זי...

מרדכי: (טרערען פון די אויגען. קען ניט אַרויסרעדען אַ וואָרט) ע! מ ט ם!

וולאדימיר: וואָס איז? אונטערגעשפּאַרט אונטערן האַרצען?

מרדכי: פו! מאַלדײַך דאָס איז אַ משקה... איך האָב נאָר אַ שמעק געטהון, האָט מיר פערחאַפּט דער אָטהעם...

וולאדימיר: מע דארף ניט שמעקען, מע דארף טרינקען (גיסט אן, ביידע טרינקען) רופט זי אריין און זאגט איהר: אז מע געהט שוין יא אין וואלד, דארף מען ניט מורא האבען פאר'ן וואלף.

מרדכי: חאסיע, טאכטער! דו, נארעלע, קום אהער... איך בין טאקי מאטיע שטרייבעל, אבער א גנב, נאך ניט! חאסיע, זיי א גוטע, חאסיע (חאסיע קומט) חאסינו, פאלג א טאטען, פאלג א מאמען, פאלגט גוטע פרומע לייט, ווי די ווייבערשע מודה אני זאגט: אמן סלה נצח... איז זי ניט א מויד, קיין עין הרע, ווי א קוילעטש, אי, דלות, דלות (עסט און טרינקט.)

וולאדימיר: דעם אמת געזאגט, אסיא איז אקוראט פאר מיר. איך דארף האבען א פראסטע ווייב אהן צערעמאניעס... אנדערע דארפען האבען א געבילדעטען, פאר אסיען בין איך גוט אט אזוי ווי איך שטעה און געה... זי איז ניט ווי די צוקראבענע באַרישניעס און איך, איך קען נאר שפיעלען אין ביליארד... אבער אסיע: אז מע וועט דארפען, וועל איך זיין אפילו א איזוואשציק און וועל פערדינען צום לעבען... ביזט א לעבעדיגע, א פרייליכע, א לאך, א זינג, א שטיף... דאס האב איך ליעב, נאר, דו האסט מורא פאר זיי? העד זיי ווי די קאץ...

אסיא: ניט פאר זיי האב איך מורא, איך האב מורא פאר דיר?

וולאדימיר: אסיע, האסט מיך דען ניט ליעב?

אסיא: דיך ליעב האבען האב איך ניט מורא און חתונה האבען... האב איך מורא.. חא! חא! חא! אזוי גיך בין איך אויך א געשטודירטע באַרישניא געווארען און זאג שוין אויך: חתונה איז אן אנדער זאך און, דאס איז אן אנדער זאך... חא! חא! חא!

וולאדימיר: פעטער מאטיע, שידוך איז שידוך, לחיים (טרינקען ביידע) שלאגט איבער מיט א פאלע.

מרדכי: שידוך גאר? אֶי חאַסיע, אַ קאַלטע שטיקעל עוף איז מאַקי געשמאַק אין מיטען וואָך אַן עוף! מיין טאָלציע וואָלט עס גאָר ניט געגלויבט...

וולאַדימיר: מיינט ניט. עס איז אַ שפּאַס, איך נעם אַייער אַסיען?

מרדכי: וואָס הייסט, דו נעמסט? מע גיט איבער די הענד אַז מע נעמט, טאַקי גבירים, טאַקי קצינים, אָבער מאָלדייך וואָס. דאַרף איך אַן אֵיידים אַ גוי? ביזט 25 יאָהר אַלט און נאָך ניט בר מצוה געוואָרען...

וולאַדימיר: איך ווער בר מצוה אפילו באַלד צו ליעב אַסיען...

אסיא: טאַטע, וולאַדימיר, פאָלגט מיך און געהט ביידע פאַר דער חתונה אויסשלאָפען זיך, ווי גוטע מחותנים... און איך וועל דאָ אויף גיך אויפרוימען, וואָרום אויב זיי וועלען קומען און אונז דאָ טרעפען, וועלען זיי אונז אַלע מען אָבשפּילען אַ חתונה אָהן כלי זמר... ביידע גוט פערקנאַקט... חאַ! חאַ! זעה, ווי ער טיופעט מיט די פּים... (לאַכט).

וולאַדימיר: מאַמע, זאָג איך, אוים מוסר, איך האָב די עהרע איך אַיינצולאַדען אויף מיין חתונה, אַהאַ!...

מרדכי: מאָלדייך מיין חאַסיע, אַזאַ יאָהר מעג איך שוין האָבען... אֶי! עס האָט מיך צוואַרעמט פונקט ווי שמחת תורה... די פּים אַזוי גרינג, עס ווילט זיך פאָבריקי־ווען (ווייל געהן. איז שכור) קינדער, איך האָב הנאה וואָס די גאַנצע פאַמאַליע של מעלה איז ניטאָ (זינגט אַ חסיד טע, דע דע דעם... חי! חי! חי!

וולאַדימיר: (חאַפּט אונטער) דאַי דאַי דאַם (זיי נעמען זיך אַרום ביידע) אָט אַזאַ ווייב דאַרף איך, ניט אַ סאַראָקע אויף ספּרושינעם. (זינגען) דעי דע דע דעם...

אסיא: חאַ! חאַ! חאַ! אַיאָ עס איז שעהן? איך האָב ליעב צו זעהען אַז מע איז פריילאַך (זינגט פריילאַך: „האָפּ קומאַ, נאַ

זשורים, טודאַ סיודאָ פּאָוערניס, אָט גאַקעשקי סקאָקאָם באָקאָם,
פערעד מאָים קראָים אָקאָם". וולאַדימיר טאַנצט, ווי זי זינגט.
מרדכי טאַנצט זיך בעזונדער און זינגט אַ שטאַרקער גלעקעל)
אָי! אַ שלאַג האָט מיך געטראָפען! זיי געהען!

**וולאדימיר:** שאַ! נאַר, וואָס האָסט זיך דערשראָקען? (גיסט זיך אָן אַ גלעזעל בראָנפען.)

**אסיא:** איך לויף עפענען (נאָך אַ גלעקיל) טאַטע, נעם דיינע שטיוועל... וולאַדימיר, רוים האָטש אויף די פלעשער, (לויפט) וועמען. וועמען די כלה וועט מען באַלד פער־שלייערן (אָב. מרדכי זינגט זיך גוטמוטהיג: דאָי דאַ דעם, וולאַדימיר טרינקט)

**פריידא:** (ביי׳ז אין קאָרידאָר) וואָס איז דאָ פאַר אַן אילומינאַציע בּאַ דיר? האַ! (פריידא און טראַכטענ׳ג, נאָך זיי קאַראַלינע מיט מאַרק׳ן, נאָך זיי אסיע) איך האָב געזאָגט פריער ניט אַנ־דערש. באַ אונז זיצען געסט (קוקט זיך צו) ווער איז דאָס? האַ? מאָטיע גאָר? וואָס עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט די נאַכט און יענע נאַכט (מרדכי דערשרעקט זיך, נעהמט זיינע שטיוועל אין ביידע הענד, ציהט זיך אויס און בלייבט שטיין).

**קאראלינא:** מאַמאַ, זעה, וואָס דאָ טהוט זיך אין זאַאל! אַזאַ עזות! אַזאַ חוצפּה! זעה ווי זי איז אויסגעפּוצט! אָי! איך פערשטיי פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געאַיילט אַהיים....

**פריידא:** פלעשער פון בופעט! אַן עוף אויפגעגעסען! נו, דער טראַכטענבערג, וואָס זאָגסט דו דערצו? איך פרעג דאָך דיך: וואָס זאָגסט דו דערצו?

**טראכטענ׳ג:** דער שלעפער אין מיינע טופליעס... זיי האָבען דאָ געמאַכט אַ פּאָגראָם! סקאַנדאַל!

**מרדכי:** (שטויסט פון זיך אסיען, וועלכע וויל איהם ארויס פיהרען) אַוועק! אַוועק פון מיר! איך בין אַליין מאָטיע דער תקיף!

**פריידא:** (ווייגענדיג) דערהרג׳ט מיך, איך קען ניט פערשטיין

וואס דא טהוט זיך! בא מיר אין שטוב! שנײדט מיר אב דעם קאפּ — איך קען ניט פערשטײן!

**וולאדימיר:** וואס איז דא שווער צו פערשטײן? גאנץ אײנפאך, איך האב א שידוך געטהון....

**מארק:** ער איז גאנץ אײנפאך בעזויפען... א יונגער מאן אין א'ן אנשטענדיגעם הויז, זאל זיך זאווּאס ערלויבען — פוי!

**וולאדימיר:** דו זויפסט ניט מיט מיר, ווען מיר זײנען ביידע דארטען? דו ווײסט וואו....

**קאראלינא:** וואו מײנט ער, מארק? וואו איז דאס „דארטען"!

(מארק בערוהיגט זי.)

**וולאדימיר:** מאמא, אוים מוסר, איך געה חתונה האבען!

**פריידא:** איך וועל דאס ניט אויסהאלטען! נעמט איהם צו פון דאנען! אױ! ער פערבעסערט זיך מיט יעדען טאג.

**טראכטענבערג:** פריידא, בערוהיג זיך. קאראלינע, וואו זײנען אידהרע פּילוּלען? דא דארף מען האנדלען ווי א קאמער-טשעסקי מענש...

**וולאדימיר:** נו, יא, איך האב געהאנדעלט ווי א קאמער-טשעסקי מענש...

**מרדכי:** דו זאג מיר בעסער, ווער איז א גנב? (שרײט) ווער איז א גנב, הא? מאלדײך דיר האט גאט געהאלפען, אבער ווער איז א גנב? אמאל ביזט דו געווען יואליק לאקש און איצט ביזט דו וועדליג א גאנצער יא טעבע דאס מיט א פרישציק! איך דארף ניט קײן אײדעם, וואס ווײסט ניט, ווי מע מאכט מזונות אויף א רעגענבויגען... א איוואן ווי דער טאטע זײנער, נאר גאר ניט, ווי זאגט מען, כסף מטהר אפילו ממזרים. הײנט א פשיטה שוין — דלות מײנער....

**פריידא:** וואס טהוט זיך דא הײנט? בין איך ביי זיך אין דער הײם? פאר וואס ווארפט מען ניט ארויס דעם שלעפער! מארק, רופט ארײן דעם קוטשער....

טראבטשענב: נײן! נײן! א סקאנדאל!! גאנץ יעקאטערינאס־לאוו...

וולאדימיר: איהר האט מורא פאר א סקאנדאל? איך נעם מארגען א דראשקע און פאהר אום מיט מײן כלה א גאנצען טאג איבער'ן שטאדט...

פריידא: צום צווײטען מאל צײכענסט דו זיך הײנט אוים. גנב! קאטארזשניק! האר אוים, איך וועל דיך חתונה מאכען...

וולאדימיר: אסיא, וואס האסטו אראבגעלאזט דעם קאפ? מײן כלה מעג יעדען קוקען גלײך אין די אויגען.

קאראלינע: (וויינט) ער וועט אונז קאמפראמעטירען... אונזער הויז... אונזער נאמען....

מארק: דאס איז זי שולדיג... זי איז שטענדיג אונפערשעהמט און פרעך..

פריידא: מילא פון איהר איז שוין ניטא וואס צו רעדען (צו אסיע'ן) וואס שטעהסטו? רוים דאס אלעס אויף און וואן, ארוים פון דאנען! (אסיע וויל רוימען, וולאדימיר לאזט ניט).

וולאדימיר: רוימען מעגט איהר אלײן, זי איז ניט מעהר אײער דיענסט — איך זאג אײך אהן חכמות: זי איז מײן כלה! (ווערט מעהר און מעהר שכור).

מרדכי: ווערליג חאסיא איז א מײדעל, מעגט איהר זיך ניט שעהמען מיט איהר... נעבאך אין קבצנות, אבער ווײטער. דלות מײנער. ער ווערט (בײ ל..בוועז ניכטער). נישקשה, פריידא, מעגסט האבען אזא מזל, וואס פאר א מויד דאס איז.

פריידא: אזוי? הײסט עס, דו ביזט זײן כלה? ניט מעהר און ניט ווענינער, הא?

אסיא: מומע, שרעקט אײך ניט אומזיסט... ער ווײס הײנט ניט וואס ער רעדט... מארגען וועט דער טשאד ארוים פון זײן קאפ, וועט ער זײן אן אנדערער... (שמײכעלט) עס איז גאר גיט, ער איז נאר הײנט א ביסעל פער־

טשאַדעט... אין יעדען פאַל (טרעהרען שטיקען זי) לאָזט
מיך מאָרגען מיט'ן טאַטען, וועט געוויס זיין אויס...

**וולאדימיר:** עס וועט ניט זיין אויס! איך האָב זי אונגליקליך
געמאַכט, איהר זייט אַלע עדות, און זי קען מיך אריינ-
זעטצען אין אָסטראָג אפילו.

**מרדכי:** ווערליג וואָס מיינט ער דאָס, חאַסיע? (אסיע פארדעקט
איהר געזיכט).

**קאראלינע:** פון וואָסערע זאַכען איך דאַרף הערען! איך ווער
פאַרבּרענט פון שאַנדע...

**פריידא:** (רוהיג) אָה! אַזוי ווייט האַלט עס שוין! הם! זי איז
אַ גוטע שטוקע (צו וולאדימיר'ען) וואָס זשע האָסט דו זיך
דערשראָקען, באַלוואַן? דאָס קען זיך טרעפען אין יעדע
רייכע הויז מיט יעדע דיענסט. דאַרוף זיינען זיי דיענסטען!
אַז זיי ווילען ניט זיין פאָרזיכטיג? דאַרפען די בעל בתישע
קינדער מיט זיי חתונה האָבען גאָר? יאָ, חאַסיאַ, דו
וועסט שוין מעהר ניט רוימען דאָ! נעהם באַלד צונויף
דיינע זאַכען און וואָן פון מיין שטוב, צוריק אין דאָרף!
און איך האָב געמיינט, אַזאַ יונגער גולם פון דאָרף, וועט
האָטש זיין אַן עהרליכע!..

**אסיא:** מומע עס איז אַן אמת, איך בין אַ דאָרפישער גולם,
איך בין דאָ ניט מעהר ווי אַ דיענסט... אָבער פון
עהרליכקייט רעדט בעסער ניט, מיר זיינען דאָ אַי
עהרליכע!...

**פריידא:** (אויסער זיך) וואָן! איך וועל ניט הערען, וואָס אַזאַ
סטערווע רעדט!

**אסיא:** (איראָניש) מומע, וואָס דאַרפט איהר זיך אָבעסען דאָס
הארץ? איבער מיר וועט איהר דאַרפען נעהמען איבעריגע
פּילוולען. איז דען כדאי? איהר ווילט איך זאָל געהען
צוריק אין דאָרף? נו, געה איך... עס איז אפילו אביסעל
צו שפּעט, אָבער דאָס איז קיינעמס עסק ניט... נישקשה.

איך וועל אייך ניט האָבען, אָבער די מוהמע טאָלצע וועט קענען פארנעהמען אייער פלאַטץ. איך בעט אייך נאָר, בעצאָהלט מיר, וואָס מיר קומט... איך האָב ביי אייך געדינט 15 חדשים...

**מרדכי:** (טהוט אָן די שטיוועל) אַ קבלת פנים פון טאָלצען וועלען מיר ביידע האָבען... דלות!

**פריידא:** וואָס איהר קומט? איך זאָג דיר, אַ מצוה וועל איך פערדינען! געגומען אין שטוב אַ גאָר נישט, אַזוי פיעל עמוטשעט זיך מיט איהר, געלערנט זי, געמאַכט פאַר מענש און בעצאָהל נאָך דערפאַר!

**וולאדימיר:** מאַמאַ, וועסט בעצאָהלען, ווי אַ טאַטע!

**פריידא:** יאָ, איך דאַרף איהר בעצאָהלען דערפאַר, וואָס זי האָט דיך פערפיהרט אין אַ זומפּ און האָט דיך נאָך אויסגעלערנט צו גנב'ענען אויך... עס איז איהר מלאכה, מיינסט איך ווייס ניט!

**וולאדימיר:** זיין אַ גנב האָט איהר מיך אויסגעלערנט... און חתונה האָבען מיט אַסיען וועל איך, איהר זאָלט אפילו אַלע שפּרינגען ביז דער סטעליע...

**טראכטענב:** איך האָב שטענדיג געמיינט, אַז אין די דאָזיגע זאַכען האַנדעלסט דו מיט'ן פּרינציפּ פון אַ קאָמערטשעסקען מענש — וואָס מיינסטו, האַנדעלסט אַ מציאה? וואָס געפעלט דיר דאָ?...

**וולאדימיר:** פּאַפּאַ, ווי לאַנג האָט זי דיר אויפגעהערט צו געפעלען?

**אסיא:** איך געפעל דעם פעטער נאָר אין קיך, אָבער ניט אין זאַאל...

**קאראלינע:** מאַמאַ, זאָלען זיי געהען! וואָס צווינגט איהר מיך צו הערען אַזעלכע זאַכען?

**מרדכי:** ווערליך אידען, איך ווייס, ווי טאַקי אָהן אַ פּרוטה געלד

**פריידא:** א שעהנע משפחה! (צו וולאדימיר'ן) אידיאט, בעטראכט זיי מיט מיינע אויגען..

**וולאדימיר:** מאמא, אהן מוסר!

**פריידא:** א שעהנער יחוס!

**אסיא:** אייך געפעלט ניט די משפחה? איהר שטאמט פון א גרויסען יחוס? הא? נו, וואס זאל איך טהון, אז מיין מאמע ע"ה, האט געהאט די חוצפה צו זיין אייער שוועסטער?.. זי זאל מיך פרעגען, וואלט איך איהר ניט געראטהען צו קריכען אין אזא יחוס און אין אזא משפחה...

**פריידא:** איהר הערט אן עזות? דאס בעצאהלט זי אונז פאר אלע טובות!

**אסיא:** (שטאלץ) איהר האט מיר געטהון טובות? מומע, איך האב גענוג פון אייך איבערגעטראגען און גענוג געליטען, איך וויל ניט שווייגען מעהר, איך וויל אייך זאגען דעם אמת: אזעלכע בעלי טובות ווי איהר, מומע פריידע, זיינען דא א סך, אזוי ווי מיסט! יא! יא! עס איז דא גענוג בעלנים אויף אומזיסטע קנעכט און אומזיסטע דיענסטען! א דאנק אייך פאר אזא טובה!... וולאדימיר, דו זאגסט, האסט מיט מיר א שידוך געטהאן.... (טרעהרען שטיקען זי) ווייס איך, וואס דארפסט דו מורא האבען? ווער בין איך? א דיענסט, א קבצנ'ס א טאכטער, אן ארעמע יתומה... אז מיר זיינען ניט פארזיכטיג, דארפען די בעלי בתים איבער אונז האבען יסורים? (שטאלץ) אבער דאך, דיין שידוך לאז איך אב! מיר געפעלט ניט אזא יחוס, אזא משפחה, אזא שוויגער! ר' מרדכי שטרייכעל, אהיים! אהיים! קיין קארטשיקראק! (שלעפט איהם, גייען ביידע ראש, אלע ערשטוינט).

פארהאנג פאלט.

# פֿיערטער אַקט.

אַן אָרימער צימער, אויף אַ טיש ברענט אַ לאָמפּע, עטליכע ביליגע שטוהלען אַן אַלטע סאָפֿקע, אַ וואַנד־זייגער, אַ זאָקען־מאַשינע, צוגעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, אַסיאַ זיצט ביים טיש, אויף וועלכען עס ליגען אַ צעהן פּאָאר נייע זאָקען און די „פּינישעט" מיט אַ נידעל די פֿערטיגע זאָקען. געגען טיש איז אַ פֿענסטער, דורך וועלכע מען זעהט, ווי עס הויבט אָן בּיסלאַכוויז טאָגען. לעבען אַסיע'ן שטעהט אַן אָרעמע וויעג, אין וועלכע עס ליעגט אַ קינד. אין אַ ווינקעל שטעהען מרדכי'ס שטיוועל. פֿייזע. עס איז אַזוי שטיל, אַז מע הערט ווי אויפ'ן קאַמאָר שלאָגט דער „בּודילניק".

---

**אַסיאַ:** (אַרבייט זאָקען ביים וויעג און זינגט) אַאַ! ליולי, אַ קאַטאָווי דולי, עטעלע קאַלאַטשי, שטשאָב ספּאַלאַ אוב דען אַי אוב נאָטשי... די זומער־נאַכט איז אַוועק... און ער איז נאָך ניטאָ; האַ! (ווייט הערט זיך וולאַדימיר זינגט: „נאָטשי בעזאומניאַ") ער! ער!.. (לויפֿט פֿרעהליך עפֿענען די טהיר).

**וולאַדימיר:** (שיכור'לאַך, פֿון אָנפֿאַנג זעהר פֿרעהלאַך) אָה, באַבעשקע וואָס מאַכסט דו? (אומאַרמט זי) וואָס איז? ביזט אָנגעטהאָן גאָר? האָסט ווידער געוואַרט אויף מיר אַ גאַנצע נאַכט?

**אַסיאַ:** יאָ, וולאַדימיר, איך האָב געוואַרט... שש! שריי ניט, וועסט אויפֿוועקען...

**וולאַדימיר:** (שרייט) פּע! איך האָב דיר אָנגעזאָגט, זאָלסט ניט וואַרטען אויף מיר מיט'ן עסען — און דו עסט ניט אָהן מיר... איך האָב דיר אָנגעזאָגט, זאָלסט ביי נאַכט ניט וואַרטען אויף מיר מיט'ן שלאָפֿען — און דו זיצסט גאַנצע נעכט... ווערמען טהוסטו אַ טובה דערמיט?

**אסיא:** איך קען ניט שלאפען, איך האב מורא, געהסט אזוי שפעט... אפשר האט וואס פאסירט מיט דיר... אדער מיך שרעקען נארישע געדאנקען. חלילה, דו זאלסט אליין... געהסט אום שטענדיג אזא אומעטיגער... או, איך קען דיר גאר ניט דערצעהלען, וועלכע שרעקליכע געדאנקען מיר קומען...

**וולאדימיר:** אן אומעטיגער! מיט וואס קען איך זיך פרעהען? שלעפ מיר אראפ די שיך!...

**אסיא:** (שלעפט פון איהם לאקירטע שיך) אה, ביי דיר האט גע־טרעשצעט א שוך... די לאקירטע שטיבלעטען קאסטען טהייער און ווינען ניט שטארק... אי, וואלאדיע, דו זאלסט וויסען וויפיעל איך טראכט איבער פאר א נאכט דא אליין מיט'ן קינד...

**וולאדימיר:** ווער הייסט דיך טראכטען? טראג ארויס דאס וויעג פון דארטען, דיין „נאסליעדניצע" וועט מיך ניט לאזען שלאפען... (זי טראגט ארויס דאס וויעג מיט'ן קינד צוריק).

**אסיא:** אוי! וואלאדיא, דו זאלסט מיך ליעב האבען מיט'ן קינד, וואלסטו ניט געלאפען פון דעם היים... (זיפצט) זאג דעם אמת, האסט מיך שוין מעהר ניט ליעב, הא?

**וולאדימיר:** וואס איז? ווילסט מיר זאגען מוסר?... ווייסט דאך ווי איך האב ליעב מוסר (קען ניט אבשפילען דעם קראגען) שפיליע מיר אב דעם קראגען... צום טייוועל! אלעס איז ענג, יומוטציג און ביליג — זיטצען אין דער היים! אין אזא היים בין איך געוואהנט צו זיצען!

**אסיא:** (שפילעט איהם אב דעם קראגען און העלפט איהם אויסטהאן דעם זשילעט) וואס בין איך שולדיג, וואלאדיע?

**וולאדימיר:** אמאל ביזטו געוועזען א פרעהליכע, לעבעדיגע באבלוושקע, מיט שעהנע ליעדער, א פרעהליכען געלעכטער און איצט, איך וועל דיר זאגען דעם אמת, ביזטו געווארען

אַ צוקראַכענע אידישע חאַסיע... זינט דאָס איז געבוירען געוואָרען, האָסטו פערלאָרען די לעבעדיגקייט... טהוסט זיך קיינמאָל ניט אָן גוט מיר געפעלט, אַלעס הענגט אויף דיר... אין שטוב שמעקט קינדלאַך מיט ווינדלאַך, ביזט שטענדיג פערזאָרגט, פערסאָפּעט און האָסט קיין צייט אפילו אַ שפּיעל טהון זיך, אַ שטיעף טהון... (לאָזט אַראָב זיין שיכּור'ן קאָפּ) זאָג אַליין, נאָך וואָס דאַרף איך דאָס גאָר אין גאַנצען.

אסיא: איך ווייס, מיר זיינען דיר איבעריג... אָבער וואָס קען איך טהון? איך זאָל ניט האָבען דאָס קינד, וואָלט איך געגאַנגען דיענען... (טרעהרען אין דער שטימע).

וולאַדימיר: דיענען? וולאַדימיר טראַכטענבערג'ס ווייב דיענען? זאָל איך קראַפּירען פריהער... נאַר! ניט דאָס מיין איך.

אסיא: גלויב מיר, איך וואָלט אַליין געוואָלט זיין לוסטיג און פרעהלאַך און געפעלען דיר ווי פריהער... אָבער אַז דאָס האַרץ איז שטענדיג אַזוי פערביטערט... נאַר, איך זאָל דיר ניט געפעלען, וואָס דאַרף איך לעבען גאָר אויף דער וועלט?

וולאַדימיר: (הירושעט פון פריידע) אַהאַ! (דערזעהט מרדכי'ס שטיוועל) שאַ! וועמענס שטיוועל איז דאָס?

אסיא: (פּלוצלונג פרעהלאַך) אַהאַ, שטיוועל! דאַ נעכטיגט איינער.

וולאַדימיר: ווילסט מיר דערשרעקען? נאַר, וואָלסטו מיט מיר אַזוי געווען בעוואָרענט, ווי איך בין בעוואָרענט מיט דיר... האָסט אַ גאַסט? ר' מאָטי שטרייבעל איז שוין געוועזען דאָ, האַ?

אסיא: יאָ, דער טאַטע איז געקומען נעכטען בייַנאַכט... ער שלאָפט אין קיך (ציינט אויף דער צווייטער טהיר) ער איז שעהר שפּעט געזעסען און געוואַרט אויף דיר... ער האָט

מיך געבעטען, ווען דו וועסט קומען, זאל איך איהם אויפוועקען...

**וולאדימיר:** איך וועל האבען צייט מארגען איהם אבגעבען זיין קבלת פנים... איך וויל שלאפען... גיעב מיר א קוש...

**אסיא:** (קושט איהם) אי! וואלאדיע, האסט ווידער געטרונקען בראנפען... (ליידענשאפטליך).

**וולאדימיר:** וואס דען ווילסטו, איך זאל טרינקען וואסער?

**אסיא:** אי, וואס וועט זיין פון דיר? וואס וועט פון דיר זיין?

**וולאדימיר:** ווילסט מיר זאגען מוסר? איך האב פון וויכטיגערע פערזאנען, ווי דו ניט געוואלט הערען קיין מוסר... איך זאל וועלען הערען מוסר וואלט איך זיך ניט געוואלגערט איצט דא צווישען שלעפער. פערשטאנען? האלט דאס מויל! (געהט אב, באלד צוריק) זאלסט מיך מארגען פריה אויפוועקען... זיי וועלען מארגען דא אלע זיין! זיי וועלען מארגען אלע משוגע ווערען! איך האב צו די טראב-טענבערגס געשריבען אזא בריעף... עס וועט זיי אנ-טרייבען א פולען בויך מיט ווינד... דו הערסט, דו? פארגעס ניט מיך אויפוועקען... (אב, באלד צוריק,) איך וויל אויפ'ן בעט פרישע וועש, אז ניט וועל איך ניט קענען אנשלאפען ווערען... (אב.)

**אסיא:** באלד! (זיפצט, נעמט פון קאמאד א ליילאך און ראש אב. מרדכי שטעקט ארויס פון אנדער צימער זיין קאפ, דאן שטרעקט ער ארויס א האנד און תאפט ויינע שטיוועל, ווערט צוריק פער-שוואונדען.)

**וולאדימיר:** (פון אנדער צימער) יא, יא! געה, איך וויל פער-שפארען די טהיר. מען זאל זיך דא ניט רוקען און ניט שטערען מיר דעם שלאף (אסיא קומט צוריק, מען הערט, ווי ער פערשפארט די טהיר).

**אסיא:** (פערלעשט דעם לאמפ, בלייבט שטעהען אין מיטען צימער.

פאַט: עפּענט שטיל די בהיר און קומט אַריין שוין אין די שטיוועל בעמערקט אַסיאַ'ן)

מרדכי: ביזט שוין אויפגעשטאַנען, חאַסיע? וואָס איז עפּעס אַזוי פריה? ביזט געראָטען אין מיר. איך וואָלט געוועזען אַ גרויסער בריה, ווען איך וואָלט טרעפען מיין גליק... חאַסיע, האָסט אַ פּנים שלעכט געשלאָפען, זעהסט אויס נאָך אַ סך ערגער ווי נעכטען... אַי, מאַלדרייך אַז מען גיט אויף דיר אַ קוק, מעג מען יאָ מאַכען די ברכה: ברוך אתה ד' שלא עשני אשה... האָסט שלעכט געשלאָפען, האַ?

אסיא: יאָ, טאַטע, עס שלאָפט זיך עפּעס ניט... וואָס ביזסטו אויפגעשטאַנען אַזוי פריה?

מרדכי: מיינסט איך בין ערשט אויפגעשטאַנען? די דאגות, מיט די צרות מיט'ן דלות לעגען זיך שטענדיג שלאָפען מיט מיר און יעדע מינוט צובורקען זיי מיך... איך האָב שטילערהייט אָבגעגאָסען נעגעל-וואַסער, האָב אויף גיך אָבגעדאַווענט... אפילו מעמדות שוין אויך אָבגעזונגען (בעטראַכט וולאַדימיר'ס שיך) זעהסט, ער דאַרף טראָגען טהייערע שציגעלעטען מיט אַ גלאַנץ און דו געהסט כמעט באָרוועס... איך האָב שוין נעכטען געזעהען דיין הולך. אַי, דלות!...

אסיא: אַ דאגה איז מיר, הלואי וואָלט איך קיין אַנדערע צרות ניט געהאַט... עס איז דאָך זומער. איך וועל ניט קריגען דעם קאַטער... (אַסיאַ געהט אין דער טהיר פון וואַנען ער איז געקומען) איך וועל צושטעלען קאַפע....

מרדכי: מאַלדרייך דו אַרבייטעסט זאָקען און ער געהט אום „אויף פראָחאָדקע", — האַ? (קוקט אויפ'ן קינד) זעהסט אַ קורנאָסע נעזעל... פונקט אַזאַ קוואָסאָלקע וועדליג ביי פערילען... חאַסיע, דו הערסט? חי! חי! אַ קוואָסאָלקע... (אַסיע קומט צוריק).

אסיא: איא. א שעהן קינד? און איך ווייס ניט, צו ער האט דאס ליעב צו נײן... איך האב זי א נאמען געגעבען עטעלע נאך דער מאמע ע"ה.

מרדכי: נאך אליין ווערליג א קינד און האט שוין א קינד... בײזט דאך מאלדייך נאך קיין אבצעהן יאהר ניט אלט... האסט קיין צייט ניט געהאט — הא? דארפסט עס נויטיג? דלות, דלות...

חאסיע: א מאל פלעג איך דיך פרעגען די קשיה, איצט פרעגסט דו מיך די זעלבע קשיה.... א וועלט פול מיט קשיות... (נעמט ארויס פון קאמאד א ווייסען פארוסינענעם קאסטיום) איך געה איהם א פארוסינענעם קאסטיום... נאר צונעהען קנעפלאך וועט ער שוין היינט קענען אנטהון, עס וועט זײן א הײסער טאג... (זעצט זיך נעהען) דערציילט מיר בעסער, וואס טהוט זיך אין קאראטשיקראק... אקסאנא יאחרימענקעס האט נאך ניט חתונה געהאט? דארטען בליהט איצט יעדע זאך און עס וואקסט... און דא ווערט יעדע זאך פערטרוקענט און פערוויאנעט. אי! אז איך דערמאן זיך, בייגק איך זעהר נאך מײנע יונגע יאהרען...

מרדכי: דו הערסט דיבורים פון אן אלטע יודענע... אי, דלות.

אסיא: אי, מאנכעס מאל בײנק איך זעהר נאך אונזער דארף. טאטע, די ווײנשעל בוימער בליהען נאך? (פערטראכט זיך) יא, טאטע, בא אונז אין גארטען איז דאך אויך געווען א ווײנשעל בוימעלע...

מרדכי: ווייס איך, די ציעג האט זי שוין לאנג צוגריזעט, ניט געבליעבען קיין זכר... נו, און ווערליג די רייכע קרובים, גאר ניט הא?

אסיא: א רחמנות אויפ'ן בוימעלע. עס וואלט נעוואקסען און געבליהט, ווען מע זאל עס ניט צוגריזען... אי, א סך

בוימעלאך ווערען צוגעהוזעט... (פויזע) דו פרעגסט אויף די קרובים? אבגעזאגט זיך אין גאנצען, ווילען ניט הערען, ניט זעהען... מיינער האט מיך גענויט, איך זאל זיי געהען בעטען. ע... האט מען געהייסען דעם קוטשער מיך ארויסטרייבען... טאטעניו, ביזט זעהר א גוטער, וואס דו ביזט געקומען... איך האב קיינעם ניט, צו וועמען אפילו א ווארט אויסרעדען, א חוץ מיין עטעלע... אבער איך רעד צו'ן איהר און זי פערשטייט ניט... (מאכט זיך פריילאך) מיר וואלט זיך זעהר געוואלט מאכען צוליעב אזא גאסט ווי דו א'ן אנבייסען מיט פאראד... ער, מיינער, פיהלט זיך אויך גוט און ווערט אויפגעלעגט, ווען ער עסט א גוטענקע זאך... איך וואלט געגאנגען איינקויפען וואס מע דארף נאר... ע... די זאקען איז נאך פריה אבצוטראגען און עס איז זעהר ווייט... ער, קען זיין, האט אין קעשינע געלד, נאך איך וויל איהם ניט וועקען... טאטע, אפשר האסט דו געלד, לאי מיר אויס דערוויילע, איך וועל דיר שפעטער אבגעבען...

מרדכי: מאלדייך א שאלה! וואס הייסט, איך וועל זיך לאזען אין אזא וועג אהן געלד? (שיט אויס פון א לעדערנע בייטעל קליין געלד אויף'ן האנד) זעהסט? צוויי צוואנציגערס, א גריוועניקע, א קאפיקע, צוויי אלטע פיטאקעס נאך פון קאטארינעס צייטען... מחשבת'ן, איך האב לאנג געוואלט פרעגען: ווער איז געווען פריער די קייסערטע קאטערינא די צווייטע, צו דער מלך אלכסנדר מוקדון? מאלדייך, חאסיע, וויפיעל ווילסט דו?

אסיא: איך וועל נעמען בא דיר צוויי צוואנציגער, איך וועל דיר שפעטער אבגעבען...

מרדכי: מאלדייך נישקשה, ביזט א בטוח בא מיר...

אסיא: (נעמט א קאשעק) דער בעקער באהגט מיר, נאר אין יאטקע קען איך ניט קריגען קיין קרעדיט... מיינער

בײַזוערט זיך, אז ער געהט האָבען זײַ מורא אָבזאָגען...
אז איך דארף בעטען אָהן געלד, דערשרעק איך זיך...
טאַטע מאַמער וועט זיך דאָס קינד אויפחאַפּען, וועסט
דו מוחל זײַן דאָס צוואוינגען... און, יאָ, אפשר וועט ער
אויפשטײַן. וועסט דו איהם זאָגען: קאַפּע שטײַט אויף
דער קעראָסינקע... (פרײַלאַך) זײַט געזונד, ר' מאַטיע!

מרדכי: (לאַכט) געה געזונטערהייד (אסיא אַב) נו, יאָ! זי אַרבײַט
נעבאַך שווער און ער שלאָפט... אזוי שפּעט שלאָפען!
דער למד וואָוונק מײַנער, איז מכתמא דרײַ מאָל אין
וואָך עובר זמן קריאת שמע... (שטעלט זיך אָב לעבען דער
מאַשינע) און דאָס איז די מאַשינע וואָס מאַכט זאָקען...
איך האָב נעכטען געזעהען ווי חאַסיע אַרבײַט... די
מאַשינע מאַכט טשיק, טשאַק! און פון הינטען קריכט
אַ זאָק...

וולאַדימיר: (פון שלאָף צימער) חאַסיע, וויפיעל איז דער זייגער?
קײַנער האָט ניט געפרעגט אויף מיר?

מרדכי: אזוי פיעל געשעפטען מאָלדייך, — נאָר מע פרעגט
אויף איהם.

וולאַדימיר: עי! אַסיאַ! ווער דבר'ט עס דאָרטען?

מרדכי: דאָס בין איך בכבודי ובעצמי... חאַסיע איז ניטאָ
אין שטוב.

וולאַדימיר: האַ? (מרדכי שווײַגט און ווינקט היטרע) וואָס איז
דאָרט פאַר אַ רוח?

מרדכי: אַ שעהנער שלום עליכם... אַי! ער האָט אויפגעוועקט
דאָס קינד (וויגט דאָס קינד און זינגט) אַאַ ליולי, די מאַמע
איז געגאַנגען האנדלען אַציגעלע מיט אַוויגעלע, שלאָף
זשע קלײנער יונגעלע... מײדעלע, מײַן איך (וולאַדימיר
קומט אין אַ רוסישע העמד, אָהן אַ פּידזשאַק, ער טהוט אָן באַלד
די שטיבלעטען.)

וולאדימיר: אַי! אַ גאַסט אַראָפּגעפאַלען פון הימעל... וואָס מאַכט אַ יוד? (גיט איהם די האַנד.)

מרדכי: פריער גיט אָב נעגעל וואַסער, נאָכדעם וועסט דו מיר געבען „שלום".

וולאדימיר: נעגעל וואַסער? יאָלד, איך האָב קורצע נעגעל, דאַרף איך זיי ניט אָבגיסען. (ווכט אין אלע קעשינעס) וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר! מיר דאַכט זיך, איך האָב נאָך געהאַט עטליכע פּאַפּיראָסען. וואו איז אַסיע?

מרדכי: געגאַנגען אין מאַרק...

וולאדימיר: אין מויל פּאַסקודנע, איך וויל רויכערען איך שטאַרב... אין מאַרק! איך וויל טהיי! טפו! ניט איין פּאַפּיראָס.

מרדכי: וועדליג חאַסיע זאָגט, שטייט קאַפע...

וולאדימיר: נו, יאָ, איך וויל טיי, שטעהט קאַפע! (ווכט) ע! ר' הערט זשע! ר' זיינט זשע מוחל, איהר האָט ניט קיין קליין געלד בא זיך? איך דאַרף האָבען פּאַפּיראָסען און אסיע איז אַוועק אין מאַרק מיט'ן גאַנצען פּאָרטמענע מיט געלד... זי וועט קומען, וועל איך אייך אָבגעבען...

מרדכי: זי האָט ניט גענומען דעם פּאָרטמענע דיינעם, גיב נאָר אַ קוק דאָרטען...

וולאדימיר: (בייז) נו, גיכער, גיט זיך אַ קראַץ דאָרטען.

מרדכי: (נעמט אַרויס די געלד) וועדליג איך האָב אין גאַנצען אַ גריוועניקע, צוויי פּיטאַקעס, מיט אַ קאָפּיקע.

וולאדימיר: 14 קאָפּיקעס הייסט עס... איך דאַרף 15! נו, זאָל שוין זיין. געהט אַריין אָט דאָ אַנקעגען איז אַ קלייטיל און נעמט אַ צעהנדליג פּאַפּיראָסען „סולטאַן"...

מרדכי: אָט האָסט דו דיר די קאָנטשעסטוועסטווע... אַי! אַן עבירה די פּיטאַקעס (אָב).

וולאדימיר: אַז מיין ברויף האָט ניט משוגע געמאַכט דעם פּאַפּאַ מיט דער מאַמאַ, מיט דער גאַנצער משפחה, ווייס

איך שוין נִיט וואָס מע טהוט... (קוקט אויפ'ן זייגער) אפשר איז נאָך פריה... און וואָס וויל מאַטיע שטריי־כעל?... געקומען אויף קברי אבות? אי, שאַ! אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן? פאַר וואָס נִיט?... זאָל זי זיך דורכפאָהרען אַביסעל אין קאַראַטשיקראַק צו איהר פּאַפּאַשאַ און איך וועל דאָ מִיט מיין פּאַפּאַשאַ קומען צו אַ פּאַראַלעל... און טאַקי אַ ביסעל זיין פריי... אָברוהען זיך... יאָ! וואַלאָדקע, האָסט אַ גוטען קאָפּ! (גיט זיך אַ פּאַטש איבער'ן שטערן) וואָס? מע וועט מאַכען שטיק? היים איך פאָהרען און שטיל! אהאַ! אָט קומט ער...

מרדכי: (קומט מיט פּאַפּיראָסען) האַ? אַכעלסט שוין? תכשיט, ווען האָסט דו געדאַבענט?

וולאדימיר: איך שטעה אויף אַ געדאַבענטער..

מרדכי: ווערליג מעשה גוי גאָר, האַ?

וולאדימיר: פע! איך האָב פיינט מוסר

מרדכי: ווערליג דער גרויסער גביר וואָס די ביזט — ביזט דו נִיט קראַנק דאַבענען!...

וולאדימיר: איך האָב פיינט רעליגיאָן מיט פאַנאַטיזמוס...
איך האָב זעהר פיעל שמערץ וואָס אייער חאַסיע האַלט פון די זאַכען... אַז איך בין אין דער היים — ערלויב איך נִיט ליכט בעגטשען מיט די אַלע חאַשמענדריינגעס! וואָס האַלט איהר די פּאַפּיראָסען? (רייסט אַרויס די פּאַפּיראָסען)

מרדכי: ווערליג איך זעה, זייט איהר דאָ גוט אויף צרות האַ?

וולאדימיר: יע! די טראַפּטעבערגס זיינען ברוגז... קיין געלד ניטאָ, וואָס צו פאַר'משכן'ען איז שוין ניטאָ... זיי דערקענען מיך נִיט... אויף קאַראָלינעס חתונה האָט מען מיך נִיט איינגעלאַדען... איז דאָס נִיט אַ שווייַנעריי? אַלץ דערפאַר וואָס איך האָב חתונה געהאַט מִיט אייער טאָכטער, אַ שעהנער שידוך! (אַסיע קומט מִיט'ן קאָשעק און הערט די לעצטע ווערטער.)

**אסיא:** טאטע, ער זאגט אהם געפעלט שוין אויך ניט דער שידוך? דאס מאכט ער שפאס. וולאדימיר, וואס ביזט דו אזוי פריה אויפגעשטאנען? מע האט דיך ניט געלאזט שלאפען?

**וולאדימיר:** איך ערוואכטע היינט עפים געשעפט... דערווייל זיץ איך שוין אשעה אהן טיי...

**אסיא:** ווילסט גאר טיי? שטענדיג טרינקסט דו דאך אין דער פריה קאפע.

**וולאדימיר:** קאפע גאר! שעהנע קאפע בא דיר! ציקאריע מיט לאקריצע! נו! זאל זיין קאפע....

**אסיא:** איך האב געזאגט דעם טאטען: קאפע איז דא...

**וולאדימיר:** אז עס איז דא, דארף דאך אימיצער מיר דער-לאנגען צו גיין?

**אסיא:** איך דערלאנג שוין... (געהט מיט'ן קאשעק אין קיך ארײן) מיר וועלען היינט האבען א ווארעמעס... פס! דריי גע-ריכטען... אלעס וואס דו האסט ליעב... (אב.)

**מרדכי:** איך האב שוין חרטה אויף דער גאנצער נסיעה... אי דלות, דלות...

**וולאדימיר:** האט צייט אקערשט, עס קען נאך ארויס א פלאן.

**מרדכי:** אי, טאקי? מאלדייך, דו קענסט פערדיענען א גרויסע מצוה... מיין טאכטער, דו ווייסט דאך... און טאקי דער דלות, עס איז ניט אויסצוהאלטען, וואסושע הא? (אסיע קומט מיט א פאדנאס.)

**אסיא:** קאפע... א ריינע סאלפעטקע... פרישע בייגעל... סליווקעס, פון דיינט וועגען אראפגענומען פון'ם מילך... דאס איז דיר, טאטע, קאפע... (מרדכי זופט ושאדנע.)

**וולאדימיר:** וואס דארף דא שטיין דאס וויעג, צוליעב אן ארע-מאט? א וויעג דארף שטיין אין שלאף צימער, ניט דארט וואו מען עסט און מענשען זיצען (אסיע טראגט ארויס דאס וויעג.)

ר׳ מרדכי שטרייכעל׳ס ערציהונג! (אסיע קומט צוריק, ער טרינקט און עסט.)

**אסיא:** וולאדימיר, איך האָב געענדיגט דיין פּאַרוסינעם קאָסטיום.

**וולאדימיר:** אַ שעהנער קאָסטיום! אַ פּאַרטאַש אַ שניידער האָט צוגעשניטען און זי האָט צונויפגעשטשאָבעט... אַ זאַק!

**אסיא:** נאַרעלע, זומער גייען אַלע אין וואָלוועלע פּאַרוסינע קליידער.

**וולאדימיר:** אַמאָל געהאַט רייכע שיינע קליידער... געווען דער ערשטער פראַנט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און מע האָט מיר טאַקי אָבגעגעבען כבוד. איצט דערקענט מיך קיינער ניט... נאָר דערפאַר, וויל איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט...

**אסיא:** וואָס זאָל איך טהון, וולאַדימיר? גאָט זאָל מיר שיקען דעם טויט, וואָלסט דו פון מיר פּטור געוואָרען... אָי! איך וואָלט נאָר ניט געוואָלט מיין קינד זאָל בלייבען אַ יתומה...

**וולאדימיר:** באַלד איז באַ איהר שטאַרבען, פּטור ווערען. איך מיין נאָר אַזוי אויף אַ צייט... איבערוואַרטען... אונזערע וועלען גיך בעסער ווערען... איך האָב זיי געשריבען אַ שרעקליכען בריעף... אַסיאַ, באַ מיר איז געבליבען, דו זאָלסט דערווייל נעמען יינע זאַכען, דאָס קינד און פאָהרען מיט׳ן טאַטען אַהין, דאָס הייסט אין דאָרף, אין קאַקאַראַטשיקראַק (מרדכי און אַסיאַ ערשטוינט.)

**אסיא:** האַ? צום טאַטען גאָר? וואָס מיינסט דו דאָס?

**וולאדימיר:** איך מיין נאָר איבער זומער, דאָרט איז איצט ווי אויף אַ דאַטשע. ע...! פרישע לופט.... געזונד פאַר דיר און פאַר׳ן קינד... וועסט זיך אָברוהען.... דאָ אַרבייטעסט דו טאָג און נאַכט באַ די זאָקען און אַז דו פערדינסט דריי קערבלאַך אַ וואָך איז דאָס אַ גליק... מיט איין זעץ אויפ׳ן ביליאַרד פערשפּיעל

איך מעהר ... דיר געפעלט דאך קאראטשיקראק. (אסיא שווייגט.)

**מרדכי:** ווערליג איך זעה פערשטייסטו לגמרי ניט וואס דו האסט אנגעבאלבעט. א גרינגע הלכה מאלדייך צום טאטען... אונזער גאנצע דירה איז איין גרויסער חדר מיט א אויווען אין מיטען שטוב... פול מיט הוילע פופקעלאך. און נאך א שטיף מאמע טאלצע דערצו. וואס מיינסט דו בא מיר איז דארט כצפיחת בדבש הא? און וואס וועט מען קייען?

**וולאדימיר:** וויים איך, ביי אסיע'ן שפיעלט א גרויסע ראלע עסען. מיר מאכט זי קאטלעטען, א ביפשטעקס, און אליין עסט זי טהע מיט א שטיקעל ברויט, און ווידער ווי באלד נאר עפעס, וועל איך צושיקען געלד...

**אסיא:** זאל זיין דארט וועט מיר זיין גוט, וואו אין א גן עדן... אבער וולאדימיר, איך וועל דארט ניט קענען לעבען אהן דיר... דא ווארט איך אויף דיר ביז דריי, ביז פיער אזייגער אין דער פריה, אבער איך וויים, דו וועסט דאך קומען. אהין וועסטו ניט קומען צו מיר (טרעהרען שטיקען זי.)

**וולאדימיר:** ע! עס איז נאר אן איינגערעדטע זאך... עס איז ניטא וואס צו רעדען: מוזט פאהרען און גענוג... איך קען מעהר ניט איבערטראגען...

**אסיא:** (רוהיג) איך מוז? אויב דו ווילסט מאכען א סוף, אן ענדע. וולאדימיר, זאג מיר גאנץ אפען, וועסט ניט דארפען מיט מיר א סך מענה'ן...

**וולאדימיר:** ווער זאגט דען: א סוף אן ענדע? אפשר דא ביזט דו מיר א ביסעל נמאס געווארען, אבער אז דו וועסט זיין דארט, קען זיין וועל איך בייגקען נאך דיר... איך וויים איצט ניט, וואס שפעטער וועט זיין... יא! עס קען זיין, איך וועל בייגקען אז דער רוח וועט נעמען... ווארום, ווי איך האב נאר אטראכט

געטהון, האב איך שוין אנגעהויבען בענקען... אסיא, איך בענק שוין, ווי איך בין א איד (נעמט זי צו זיך אויף די קניע און קושט מיט ליעבע) קיצקע, ווער וועט דא סיך נאך אזוי ליעב האבען, ווי דו? (דריקט צו זיך אסיען.)

**מרדכי:** אין מיטען דרינען קושען זיך גאר! פע! אלעס וואס ער טהוט איז ווערליג מעשה גוי... א חילול השם!...

**אסיא:** זאג דעם אמת: איך מיט עטלען זיינען דיר גוט נמאס געווארען?

**וולאדימיר:** אה! דו הער בעסער, וואס פאר א בריף איך האב געשריבען צו די טראכטענבערג'ס (נעמט ארויס א פאפיר) דאס איז א קאפיע... ר' הערט זשע, ר' זייט זשע מוחל! ר' זאגט זשע פעטער, איך מיין איך... איהר מעגט אויך הערען... (לעזט) „מארגען בא נאכט וועט מען מיך געפינען א דערשאסענעם."

**אסיא:** (טויט ערשראקען) איך האב שטענדיג מורא, זאלסט זיך, חלילה, עטוואס ניט אנטהון... (לויפט און זוכט אין זיינע קליידער) ער האט א רעוואלווער! טאטע, ער האט א רעוואלווער!

**וולאדימיר:** שא! זאל איך קרענקען, נאר! וולאדימיר איז ניט דער מענש, וואס געהט זיך שיסען — עס שרייבט זיך נאר אזוי... שא! הער: ע... מיך געפינען א דערשאסענעם..."

**אסיא:** (וויפצט) אי, וועה איז מיר.

**וולאדימיר:** (לעזט) „די אלגעמיינע פעראכטונג און פערפאלגונג האבען מיך געטריעבען צו פערצווייפלונג. מיין בלוט זאל פאלען אויף די קעפ פון מיינע עלטערן. זיי זיינען פעראנטווארטליך פיר מיין פריהצייטיגען טויט. וולאדימיר טראכטענבערג"... „א קאפיע פון דעם בריף וועט מען בא מיר געפינען נאך מיין טויט."

**אסיא:** אי, איך קען ניט הערען... (פארשטעלט איהם דאס מויל) איך קען דאס ניט הערען!

וולאדימיר: נאַר, דאָס שרייב איך דאָך אונמיסטען... שטעל זיך פאָר, ווי זיי וועלען זיך דערשרעקען. ניט מיין טויט. נאָר דער סקאַנדאַל און פעראַנטוואָרטליכקייט.

מרדכי: ווערליג וואָס איז דאָס? איך, מאָלדייך, פערשטיי ניט די גאַנצע מעשה...

מארק: (קלאַפּט אין טיער) קען מען אַריינגיין? דאָ וואָינט וולאַדימיר טראַכטענבערג?

וולאדימיר: (מיט שמחה) אַ דעלעגאַט פון דאָרט (מאַכט זיך ערנסט ש! (הוסט) הם! (אַסיאַ עפענט די טיער, מאַרק אַריין מיט אַ פּאָרטפעל) מע האָט געשיקט צו מיר האַ? האָסט געלעזען מיין דאָקומענט?

מארק: יאָ! געהאַט דאָס פערגניגען (קוקט זיך אום מיט אַ גרימאַסע) או! די גאַנצע משפחה... זיינען זיי דיינע קאָנספּיראַטאָרס אין דעם שאַנטאַזש? הער מיך אויס. דו מיינסט פאַר אַזעלכע בריף וועט מען דיר געבען געלד! דער טאַטע דיינער איז אַ מענש מיט אַ פּרינציפּ... און די מאַמאַ האָט ליעב זאָגען מוסר, אָבער געלד גיט זי ניט... מיט אַזעלכע בריף וועסט דו ניט אויסנאַרען קיין געלד...

וולאדימיר: איך בעט דיך, געה ניט אַוועק... דער בריעף איז געווען מיין לעצטע האָפנונג און איצט... אַסיאַ, געה אַריין אין קיך (אַסיאַ אָב) מיר איז אַזוי ניט גוט. איך בין אַזוי אונגליקלאַך... וואָס זאָל איך טהון? איך קען שוין ניט מעהר... עס איז צו שווער פאַר מיר. איך האָב ניט פון צרות וואוהין אַהין טהון זיך, זיץ איך אַלע נאַכט דאָרט... דו ווייסט, וואו מיר פלעגען אַמאָל ביידע זיין... איך שפּיעל און זינג דאָרט אַזעלכע אומעטיגע ליעדער, אַז די מאַמזעלען וויינען, איך וויין, דער בופעטשיק וויינט... אַלע געסט בעדויערן דעם רייכען טאַטענס קינד, פאַטשען מיר בראַוואָ און איך באָרג בא זיי אַמאָל אַ פּאָאַר רובעל... איז דאָס אַ לעבען? מארק, הער, ווי

מייִנסט דו ? איך וויל זי אוועקשיקען ... זאל זי דער פאטער צונעמען פון דאנען ... אפשר דערוויילע ווי עס איז ... הא ?

**מארק:** דאס רעדסט דו ווי א געשעפטס מענש (אגערוייש) אהא ! זיי זיינען דאך געקומען (מארק לויפט צום טיער, אנגעקומען פריידא און טראכטענ׳ג) שש ! מאכט איך קאלטבלוטיג ... אלעס איז אין ארדנונג ... פאפא, איך וועל דאס בעארבייטען ווי איין אלטער אדוואקאט . און וואו איז קאראלינע ?

**פריידע:** זי וועט באלד קומען. פונקט איצט איז געקומען קאלבאסין מיט א וויזיט . און וואו איז ער ? ניט האבען אויף דער מאמע קיין רחמנות, אי ! איך וועל חלש׳ן...

**טראכטענ׳ג:** איהר ווייסט דאך, ווי זי נעמט זיך באלד צום הארצען ... אי ! א מוטער , דאס איז די שווערסטע פאראלעל. נו , ער לעבט דאך ... מיר וועלען זעהען , מיר זיינען דאך קאמערטשעסקי מענשען .

**מארק:** שש ! פאפא , מע קען זיי יעצט ניט שיידען (זאגט איהם עטוואס שטיל) מאמא , ער שיקט זי א וועק צוריק צום פאטער , איך האב געוואוסט , אזא ראמאן וועט בא איהם לאנג ניט דויערן .

**פריידא:** טאקי ? ענדליך ארומגעקוקט זיך ? אי , וולאדימיר , זעה וואוהין דו ביזט פעווארפען געווארען און צו וואס די ביזט געקומען ' האסט עס נעדארפט הא ? א טאטענס א קינד , טראכטענבערג׳ס זון ? שיסען זיך גאר ! פארוואס קומט אונז אזא סקאנדאל ?

**מארק:** וולאדימיר , געה צו דער מאמא , וואס זיצט דו ?

**וולאדימיר:** זי וועט מיר זאגען מוסר .

**טראכטענ׳ג:** אבער , מרדכי , דו דארפסט וויסען אין קאמערציע איז אזא פרינציפ ! ווארט איז ווארט ...

**מרדכי:** נו, יא ! וועדליג מענשען, וועדליג יודען...טאקי קאמערציע...

**טראכטענ׳ג:** איצט קומט די צווייטע פאראלעל : וואס וועט זי זאגען ?

וולאדימיר: אז איך זאָג: זי פאָהרט, פאָהרט זי... (קאראָלינע קומט ערשראָקען)

קאראלינע: נו, מארק! (ער דערציילט איהר אין דער שטיל).

טראכטענבערג: ניין! א קאָמערטשעסקי מענש האנדלעט ניט אזוי... איך דארף הערען ביידע קאָנטראַגענטען... ווי זאָגט איהר, מארק?

וולאדימיר: (שרייט) אסיא, קום אהער (אסיא קומט).

פריידא: אי! עס האָט מיר א שטאָך געטהון אין הארצען, ווען איך האָב זי דערזעהען... אי! אי!

טראכטענבערג: קאראָלינא מע האָט פארגעסען נעמען דער מאמא'ס פילוולען...

פריידא: זי האָט שוין אָבגעדאנקט... ארויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע, געמאַכט פאר א מענש... אזא געמיינע פרוי! (טראכטענבערג און מארק בערוהיגען זי).

אסיא: יאָ, איך לייקען ניט, איהר האָט מיך געמאַכט פאר א מענש... (

פריידא: נו, יאָ! דערפאר האָסט דו מיר בעצאָהלט...

אסיא: איך האָב בעצאָהלט איאָ? זעהט איהר, מומע, און איך האָב בא אייך געדיענט 15 חדשים און איהר האָט מיר מיין בלוטיג-פערהאָרעוועטעס געלד נאָך ניט בעצאָהלט.

פריידא: דו הערסט? איך האָב געוואוסט פריער אזא ווי זי קען מאָגען צוויי מאָל... מיר האָבען אָבער די קוויטאנציע פון דער פאָסט... דו האָסט איהם אָנגעלערנט ער זאָל מאָנען דאָס געלד, אָדער פערקלאָגען דערפאר וואָס איך צאָהל ניט מיין שנור און מיין דיענסט, דאָס וואָלט געווען זעהר שוין! האָב איך איהם בעצאָהלט, ווי דו האָסט געפאָדערט פיער רובעל א מאָנאַט, געשיקט איהם פאר 15 חדשים 57 רובעל... דריי רובעל אָבגערעכענט פאר דער וואַזע וואָס דו האָסט צובראָכען...

אסיא: זעהסט דו, וולאדימיר, דאָס פערדריסט מיך... אזא

געלד... און... איך האָב ניט געוואוסט... אָבער וואָס
איז איצט דער חילק?

וואלאדימיר: איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, זָכער איידער איך
האָב זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך געטראָפען אַ סיבה און
עס איז געוואָרען אוים געלד...

טראכטענבערג: וואָס דאַרף מען זיך יעצט קריגען און רעדען פון
פערגאַנגענע זאַכען? נאָמיר רעדען פון געשעפט — ווי
קאָמערטשעסקי מענשען... ווילסטו פאָהרען מיט דיין טאַטען
אַהיים? (זי שווייגט) איך וויים, דער גרעסטערפרינציפּ איז
מענשליכקייט, אַ יונגע פרוי, אַ קינד, נו! איז נאָך אַ פּאָאַר
רובעל! פערלאָזטו זיך אויף מיר און אויף מרדכי'ן? (זי שווייגט).

מרדכי: חאַסיע, דעם אמת געזאָגט, זועדליג וואָס האָ? ער איז
מיר שטענדיג ניט געווען געפעלען... פרעג איהם, צו
האָט ער היינט געדאַווענט, צו האָט ער אָבגעגאָסען נעגעל
וואַסער? נו, מאָלדייך, וואָס דאַרפסט דו איהם? ר' יואל
איז מרוצה איצט געבען 50 אָדער 60 רובעל... און
שפּעטער ביים גט 200 רובעל דיר און הונדערט קערבלאָך
פאַרען קינד.. נאַר, קומסט מיט אזא אוצר געלד, וועסט
דאָך ביי טאַלצען זיין דערבעסטער גאַסט, מאָלדייך, די
200 און די 100 וועט מען דיר געבען ביים גט.

וואלאדימיר: וואַסער גט! וואַסער קאַץ!... אַסיא, איך וויל
זאָלסט פאָהרען נאָר דערווייַלע, אויף אַ צייט.

אסיא: וואלאדימיר, אז איך וועל דאָ ניט זיין, וועסטו פערגעסען
אויף מיר און אויף'ן קינד... איך וועל ניט קענען לעבען
אָהן דיר! איך וועל ניט קענען לעבען אָהן דיר!

וואלאדימיר: ע, נאַרישקייטען!... איך הייס פאָהרען!... נו?
(זי שווייגט) דערווייַלע פאָהר!...

מארק: געוויס, נאָר דערווייַלע, אַרומקוקען זיך... דורכפאָהרען
זיך אַביסעל (שטיל צו פריידע'ן) זאָל זי נאָר אוועקפאָהרען,
מיר וועלען עס מאַכען ווי מען דאַרף.

**וולאדימיר:** אסיא, וואס שווייגסטו?

**אסיא:** וואס קען איך זאגען?.. וויַ דו פערשטעהסט, וולאדימיר...

**וולאדימיר:** אסיא, דו פאהר, וועסט זעהען, איך וועל גיך אליין קומען נאך דיר... אז דו ביזט דא, שטעהסט דו מיר אין וועג...

**אסיא:** וולאדימיר, איך וועל דיר ניט שטעהען אין וועג.

**וולאדימיר:** וועסטו פאהרען?

**אסיא:** דו ווילסט ניט, איך זאל זיין דא, וועל איך דא ניט זיין...

**קאראלינע:** בראווא! וולאדימיר איז ווידער אונזערער. (צו אסיע'ן) מאדאם, איהר האנדעלט זעהר פראקטיש. פאפא, גיט געלד ר' מרדכי און שליסט געשעפט...

**טראכטענבערג:** מען דארף זיך ניט צושרייבען פארמאלנע? (מארק שאקעלט מיט'ן קאפ) נו. מרדכי, זעה זשע... איך גיעב דיר געלד, אבער... (גיט איהם געלד).

**מרדכי:** (ענטציקט) מאלדייך און וואו איז עפעס גאט? ווערדליג אידען, מענשען..

**וולאדימיר:** ר' מרדכי, איך וויל איהר זאלט דינגען א בויד... אויב עס איז מעגליך אויף רעסארען.

**מרדכי:** מאלדייך א בויד גאר? וואס דארפסטו איבעריגע הוצאות.

**וולאדימיר:** נישקשה, דער פאפא וועט בעצאהלען עקסטרא איא? און איך מיט קאראלינע'ן וועל באלד פאהרען און קויפען פאר אסיע'ן און פאר'ן קינד פערשידענע זאכען (טהוט אן א פידזשאק) קאראלינע, האסט עפעס ממתקים? מען דארף איהר קויפען א רייזענטאש און אזעלכע בלויע וועג־ברילען פון'ם שטויב... אסיא, דערפאר וואס דו וויינסט ניט, וועסטו קריגען ביים געזעגנען זיך אזעלכע קושען, אז דו וועסט מיך געדענקען...

**אסיא:** וויינען גאר? אז מען פאהרט צו א טאטען צו גאסט וויינט מען?

**וולאדימיר:** מאַמאַ, דו ביזט אַ גוטע, וואָס דו זאָגסט מיר ניט קיין מוסר (אומאַרמט די מוטער) פּאַפּאַ, גיעב־זשע ר׳ מרדכי׳ן אַ פינפעריעל אויף אַ בויד, זיי דאַרפען ניט פּאָהרען ווי שלעפּערס. קאַראַלינע, דו געהסט? איך בין שוין וויעדער וולאַדימיר טראַכטענבערג! אַסיאַ, איך קום באַלד, איך וועל דיר קויפען פיעל גוטע זאַכען... מאַרק, ווי מיינסטו, ביים גרעק סטאַפּעלטאַקי קען מען איצט קריגען ווײַנטרויבען?

**מרדכי:** וועדלינג עס וואָלט אַ סך גלײַכער געווען, זאָלסט איהר קויפען אַ פּאָאר שיך.

**קאַראַלינע:** (נעהמט וולאַדימיר׳ן געאַרמט) פערבלאָנדשעטער זוהן, ביטע... מאַמאַ, מאַרק, קומט, איהר געהט? איהר האָט זיך שוין גענוג ערניעדריגט, וואָס נאָך? (וולאַדימיר זינגט שטיל: „נאָטשי בעזאומניאַ”, ביידע אָב.)

**פריידא:** יאַ, איך געה...

**אסיא:** ווילט איהר אפשר פריהער זעהען אייער איניקעל? עס קען זיין, איהר וועט זי שוין קיין מאָל ניט זעהען...

**פריידא:** אַן אונגליק, איך זאָג דיר!... דײַן גט זאָל מיך אַפילו קאָסטען טויזענדער... ביז מיין טוידט וועל איך דיר דאָס ניט פערגעסען!

**אסיא:** ביז מיין טוידט? מומע, איהר וועט ניט דאַרפען קיין לאַנגען זכרון...

**מארק:** (שטיל) מאַמאַ, זייט דאָך פּראַקטישער.... (לויט) מיט וועמען שטעלט איהר אייך קריגען? אַ גליקליכע רייזע. מאַדאַם... (פיהרט פריידע׳ן) מיין ראַטה, מיר זאָלען אַלע דאָ זיין, זי אַרויסבעגלייטען און איהם באַלד צונעהמען... מיט זיין שוואַכען כאַראַקטער, קען מען ניט זיין זיכער (ביידע אָב) פּאַפּאַ, נו?

**טראַכטענבערג:** מרדכי, דאָ האָסטו עקסטראַ פינף רובעל...

(קוקט אויף אַסיע׳ן מיט פעראַכטונג) טראַכטענבערג האָט גענוג

געלד צו ערלויבען זיך האבען אביסעל א פיינערע שנור...
חוצפה פון שלעפער! (אב ביין).

**מרדכי:** חאסיע, מיט אזא אוצר געלד אין קאראטשיקראק, וועסטו לעבען ווי א גראפינע... מיר וועלען קויפען נאך א ציג... וועסט ניט דארפען בענשען ליכט בגנבה... טאלצע קוקט, וועלכע פאמיעשטשיקעם פאהרען דאס פון בארג אין א בויד? מאטיע מיט חאסיען... חי! חי! חי! אזוי וועדליג גבירים אין א בויד... חי! חי! דלות, דלות!

**אסיא:** (טרויעריג) יא, אין א בויד, ווי גבירים... טאטע, האסט נאך עפעס קליין־געלד?

**מרדכי:** צוויי פיטאקעס מיט א קאפיקע.

**אסיא:** איך וויל אבקאכען דעם ווארעמעס און האב פארגעסען, אז מיר האבען ניט קיין סירניקלאך... זיי זיך מטריח, טאטע, דא איז אנטקעגען א קלייטעל... נעהם די פראסטע, די וואל־וועלע, פאר א קאפיקע גיבען זיי צוויי פעקלאך און פאר ביידע פיטאקעס וועלען זיי דיר געבען גאנצע צעהן פעקלאך...

**מרדכי:** מאלדייך פאהרסט אוועק, נאך וואס דארפסטו אזוי פיעל סירניקלאך...

**אסיא:** נאך וואס זאל מען זיי איבערצאהלען? געה, טאטע, זייזשע מוחל. (געהט און ברענגט דאס קינד).

**מרדכי:** ניט באשערט צו האבען נחת פון די אלטע פיטאקעס... תיכף ומיד.. חלילה ניט פערליערען דאס געלד (האלט מיט'ן האנד די קעשינע, אב.)

**אסיא:** (בעטראכט לאנג דאס קינד) נו, עטעלע דיין הערצעלע פיהלט גאר ניט? אי, קינד, די מאמא דיינע דארף דיר עפעס זאגען, נאר דו וועסט ניט קענען פערשטעהען — בעסער פאר דיר... עטי, דיין מאמע געהט אוועק פון דאנען וויים, זי איז פאר יעדען א צרה, אן אונגליק.. זי איז פאר אלעמען אן איבעריגע.. יא עס איז דא אזעלכע אונגליקליכע, אז זיי זיינען קינדער, זיינען זיי

איבעריגע אין שטוב און אז זיי זיינען גרויסע, זיינען זיי איבעריג אויף דער וועלט... א גרויסע וועלט און קיין פלאטץ פאר זיי איז ניטא... יא! קינד מיינס, דיין מאמע איז אן איבעריגע, זי געהט אוועק, אבער ניט אליין, זי נעהמט דיך אויך מיט... יא. דיך אויך!.. וואלט דען פאר מיר ניט בעסער געווען, מיין מאמע זאל מיך געווען נעהמען מיט זיך? בלייבען א יתומה? פון וויעג אן שוין מוטשען זיך אויף דער וועלט? ניין! ניין! דו וועסט ניט בלייבען קיין יתומה, איך נעהם דיך מיט! דו וועסט געה-ען מיט מיר, מיט מיר! (א גערויש) שא! דער טאטע געהט (אב אין שלאף-צימער, מרדכי קומט מיט סירניקלאך) איצט זיך געהען אנטהון ווי ער האט ליעב.

מרדכי: חאסיע, ביזט דארט? את האסטו סירניקלאך (לעגט זיי אויפ'ן טיש) איך געה שוין מכח א בויד און נאך היינט וועדליג וואס א גוטע שעה. חי! חי! דו הערסט חכמים? מאלדייך איך וואלט דען ניט גענדארפט בעצאהלען פון מיין קעשינע „ש" קערבלאך, ווען איך זאל האבען, אבי פטור ווערן פון אזא איוואן? קומען זיי, די שוטים און צאהלען מיר נאך צו... דאנקען גאט, חאטש איין מאל געטראפען. קומען צו טאלצען מעשה מענש... חאסיע, איך געה און דו מאך זיך פארטיג צום וועג! דו הערסט?

חאסיע: (פון שלאף-צימער) יא, טאטע, איך הער. איך וועל זיך דא פארטיג מאכען...

מרדכי: אי! אזא אוצר מיט געלד אומטראגען מיט זיך... איך וועל דאס בעסער האלטען אין דער אנדער קעשענע (לייגט דאס געלד איבער) וואו האלט מען, למשל, אז מען האט וועדליג א צעהן טויזענד קערבלאך? א מאראקע (אב, אסיא קומט, זי איז שוין אין די מאלערישע העמד און קלייד, ברענגט לענטעס, קארעלען, ענדיגט דא איהר טואלעט).

אסיא: דער טאטע איז אוועקגעגאנגען? פריהער פון אלין

פערשפּאַרען די טהיר (זי פערשפּאַרט די טהיר) איצט וואָס? יאָ, איצט מאַכען דעם געטראַנק... איך בין ניט, ווי די געשטופּעלטע, איך זשאַלעווע ניט... צעהן פּעקלאַך (אָב מיט די סירניקלאַך אין קיך אַריין, רעדט פון דאָרט) פּע! עס שמעקט אַזוי מיאוס, ווי דאָס לעבען פון אַן אָרעמע יתומה (אַסיע קומט צוריק) איצט אָנטהון זיך, ווי ער האָט ליעב.... איך וויל היינט זיין ווידער אַ האָחלושע... (קוקט אין שפּיגעל) איך זעה טאַקי אויס שעהנער אין די קליידער... מיך פערדריסט זעהר, וואָס ביי אידען בעגראָבט מען ניט אין מלבושים... רויטהע לענטעס פּאַסען אַזוי צו אַ בלייכען פּנים. אָבער מען וועט דאָס אַלעס פון מיר אַראָפּנעהמען און מען וועט אָנטהון תכריכים... איך האָב גאָר ניט צוליעב וואָס לעבען, נאָך וואָס מוטשען זיך און פּאַרשטערען אַנדערע דאָס לעבען? און דאָס קינד? איך וועל דאָס קינד ניט לאָזען אַליין. עטעלע, איך קען דיך ניט פּרעגען, אָבער גלויב מיר, איך מיין דיין טובה... איך ווייס שוין גוט, ווי אַן אָרעמע יתומה מוז לעבען אויף דער וועלט, ניין קינד, דיר וועט זיין בעסער, וועסט שטאַרבען צוזאַמען מיט מיר, מיט דיין אונגליקליכע מאַמע.. יאָ, עטי, יאָ? (פּויזע) אָי! מען וועט אונז ביידען בעגראָבען אין איין קבר און אויף אונזער קבר וועט אפשר אויסוואַקסען אַ בלימעלע מיט צוויי צווייגלאַך, און דאָס בלימעלע וועט מען רופען אַסיאַ און עטי". ווילסטו שטאַרבען מיט מיר? (דריקט דאָס קינד צו זיך און וויינט) ווי אַזוי?... אויך איהר געבען סם? אַזאַ עופעלע! ניין סם ניט, סם ניט! בעסער דערשטיקען זי... אָי, וועה איז מיר, וואָס פאַר אַ מאַמע קען האָבען האַרץ דאָס צו טהאָן?! דאָס קינד קוקט צו מיר מיט ליעבע, לאַכט צו מיר, זי ניט מיר איהר הענטעלע איך זאָל עס קושען (קושט איהר הענטעלע) פאַרוואָס? ווער קען וויסען? אפשר וועט זי האָ=

בּען מעהר גליק פון איהר מאַמען? עטילע, אויף דיר וועט זיך גאָט דערבאַרעמען... קינד מײַנס, דו לעב, יאָ, דו לעב. (דריקט דאָס קינד צו זיך) אָי! ווי טהײַער קינדער זײַנען בּאַ אַ מאַמען! אַ יונגע מאַמע, אַ נאַרישע מאַמע, און דאָך אַ מאַמע... עטילע, דו ווײַכט? דײַן מאַמע האַלט דיך איצט צום לעצטען מאָל אויף איהרע הענד. איך געזעגען זיך מיט דיר אויף עוויג... מאָרגען, אַז דו וועסט זיך אויפכאַפּען פון שלאָף, וועלען דײַנע אויגעלאַך מיך שוין ניט געפינען... וועסט ווײַנען און דײַן מאַמע וועט דיך שוין ניט וויעגען מעהר, וועסט מיך רופען און איך וועל מעהר ניט קענען קומען צו דיר... קײן מאָל ניט, קײן מאָל ניט! (דריקט דאָס קינד, געהט איבערן צימער און זינגט: „אָי, מאַמאַ, מאַמאַ, גע ווידאַי מעגנע זאַמוזש", וויינט.) זײַ געזונד, עטעלע! אָי! ער קען זיך באַלד אומקעהרען (קושט דאָס קינד און לעגט אין וויעגעלע) שטעלען זיך זיי אין וועג? ער קען מיאוס ענדיגען, ניט אומזיסט האָט ער אַ טראַכט געטהאָן פון שיסען זיך. קומט נאָר אײן מאָל דער געדאַנק, קען מען פון איהם זיך ניט בּעפרײַען... זינד ער האָט מיר דערצעהלט פון די סירניקלאַך, קען איך דאָס ניט פערגעסען... (קוקט אין פענסטער, אַ קאַטערינקע שפּילט) אָה, זעהסט, אַ קאַטערינקע! אַקוראַט! הם! אַזוי איז עס, דאָ שטאַרבּט מען, און דאָרט שפּילט אַ שאַרמאַנקע.. מאָרגען וועל איך שוין ניט זײַן און די קאַטערינקע וועט שפּילען ווי תמיד. האַ? די צײַט שטעהט ניט (אָב אין קיך. די קאַטערינקע שפּיעלט נאָהענט פון „טראַוויאַטאַ", ווען די קאַטערינקע הערט אויף שפּיעלען. קומט אַסיאַ צוריק. שטעהט שטיל זעהר בּלאַס.) אָי, אָאַי! מיר דאַכט זיך איך וועל ניט קענען אויסהאַלטען... איך בּרען... איך וועל מוזען שרײַען... (לעגט זיך אויף'ן קושעטקע, אין קרעמפּפּס) אָי! איך זאָל קענען צומאַכען די אויגען און אַנשלאָפען ווערען אויף

אײביג... נײן! נײן! איך װיל איהם חאָטש נאָך אײן מאָל זעהען... װעט עס איהם פּערדריסען? װעט ער װײנען? ער איז ניט קײן שלעכטער... אַי שלעכט, איך ברען, איך װער פּערברענט. האַ? (הערט זיך צו) אימיצער צוגעפּאָהרען? (מיט פרייד) ער! דאָס איז ער... (בלײבּט שטיל).

**װלאַדימיר:** (קלאַפּט אין טהיר) קו! קו! קו! קו! קו! עי, אַסיאַ, װאָס האָסט זיך פּערשפּאַרט דאָרטען? עפען! נו, שױן! (װלאַדימיר, אַסיאַ גײט לאַנגזאַם עפענען) עפען! זעה נאָר! אַרײן, מיט אַ רײזען־טאַש, בּרילען, פּיעל פּעקלאַך. זעהר פרעה־לאַך) זעה, װאָס איך האָב אײנגעהאַנדעלט! װײַנטרױבען אױך געקריגען... אונזערע אױך דאָ... זײ לאָזען מיך ניט אָב אױף אײן טריט... װאָס איז דיר, אַסיאַ? אַי, װעה איז מיר! װאָס שמעקט דאָ, סירקע? (זעהר ערשראָקען).

**אַסיאַ:** (שטיל) גאָר ניט, נאַר, שרעק זיך ניט, אַ פּעקיל סירניקלאַך אַרײנגעפּאַלען אין װאַסער.

**װלאַדימיר:** עס איז אַ ליגען! (לױפט אין קיך) פּערגיפטעט! לױפט צו די אױסערע טהיר) גיכער! מײן אַסיאַ, האָט זיך פּערגיפטעט! (לױפט צו אַסיאַ'ן) װעה איז מיר, װאָס האָסטו דאָס געטהאָן? װאָס האָסטו געטהאָן?

**אַסיאַ:** (פאַלט אױף דער קושעטקע) דו האָסט געװאָלט, איך זאָל דאָ ניט זײן מעהר, װעל איך ניט זײן... אַי! װלאַדימיר איך ברען! איך ברען!

**װלאַדימיר:** (אין טהיר) מאַרק, אין גאָטעס װילען, גיכער נאָך אַ דאָקטאָר! (לױפט צו אַסיאַ'ן) אָה, אַסיע, װאָס האָסטו געטהאָן? (װײַנט בּיטער, מראַכטענבּערג, פרײדאַ און קאַראָלינאַ קומען אַלע זעהר ערשראָקען. גאַנץ װײט, װידער די זעלבּע שאַרמאַנקע).

**אַסיאַ:** און װאו איז דער טאַטע? נײן, איך מײן מײן טאַטע... װלאַדימיר, שטעל אַנידער דאָס װיעגעלע מיט'ן קינד נעהענטער צו מיר (גרינגאָרי בּרענגט דאָס װיעג, פאַלט צו

צום קינד און וויינט) אי. וולאדימיר, איך וועל שוין קיין מאל ניט זעהען אונזער דארף... וולאדימיר, איך האב ניט געמיינט, דו וועסט אזוי וויינען... (זי גלעט מיט'ן האנד זיין קאפ). איך בעט דיך פארגעסט ניט דאס קינד...
(מרדכי לויפט ארײן) אי! אי!

**מרדכי:** (ערשראקען) וואס איז אזוי? אזוי פיעל מענשען ביים טהיר... אי וועה איז מיר...

**אסיא:** איך בין קראנק, טאטע.. אי! איך שטארב.. איך וויל, דו זאלסט נעהמען דאס קינד אהין... די יתומה נעבאך...

**קאראלינע:** (וויינט) איך וועל נעהמען דאס קינד... אסיא!

**אסיא:** ניין, דארט אין דארף... בעסער ביי דער מומע מאלצע... זי איז דאך א מאמע... אי! איך געדענק, אז איך בין געווען א קינד, פלעג איך זיטצען אליין ביים טייך, ארײנוואַרפי"ן א שטיין אין וואסער און פלעג ווארטען... דער שטיין פלעגט פערזונקען ווערען, ווי איך זינק איצט אין דעם אבגרונד פון טוידט... און א ווינטעלע פלעגט לויפען פון די אלטע בוימער צו דעם טרוקענעם קאמיש און מיר פלעגט זיך אויסוויזען, ווי אימיצער שעפטשעט דארטען: אכיא, ניטא שוין! (שטילער) אסיא ניטא שוין!
(גאנץ שטיל) אסיא.. ניטא... שוין (שטארבט).

**וואלדימיר:** אסיא! אסיא! אונגליקליכער מענש וואס איך בין! פערלארענער מענש וואס איך בין! איך האב עס ניט געמיינט! איך האב עס ניט געמיינט! איך האב עס ניט געוואלט (וויינט פערצווייפעלט) איך האב דיך ליעב געהאט, אסיא. איך האב דיך ליעב געהאט...

**מרדכי:** ווי א בוימעלע איז זי געוואקסען דארט און דא איז דאס בוימעלע אבערגעבראכען געווארען... אי מיין ארעמע יתומה'לע... (וויינט ביטער, אלע וויינען, מארק קומט מיט א דאקטאר).

(שארמאנקע)

**פארהאנג.**